STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11240

YIDISH UN YIDISHKAYT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידיש און ייִדישקייט זאַמלבוך

רעדאַקציע־קאָלעגיע:

פּראָפ. עמנואל ראַקמאַן
הרב אברהם ביק
ד״ר יוסף בר־אל
יצחק קאָרן

אַרויסגעגעבן דורכן וועלטראַט פאַר ייִדיש

תל־אביב טבת תשמ״ו יאַנואַר 1986

YIDDISH UN YIDDISHKAIT

©
WORLD COUNCIL FOR YIDDISH
Tel-Aviv 9, Mendele Str.

דפוס „אורלי" תל־אביב, טל. 372062

במקום אַ הקדמה

נישטאָ, דאַכט מיר, קיין פּאַסיקערע התחלה פאַר דעם זאַמלבוך „ייִדיש און ייִדישקייט", ווי דאָס דערמאָנען אַ דערהויבענע איבערלעבונג פונעם שרייבער פון די שורות, ווען ער האָט זיך געטראָפן, אין חודש שבט תשמ"ג (פעברואַר 1983), מיט דער גרויסער פּערזענלעכקייט פון אָרטאָדאָקסישן ייִדנטום אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, דעם גאון הרב יוסף דב סאָלאָווייטשיק שליט"א. אין אונדזער שמועס, וואָס איז געווען פאַר מיר אַ שעה פון התרוממות הנפש, האָבן מיר דער עיקר גערעדט וועגן דער חשיבות פון לשון ייִדיש, און דער גאון האָט מיר, צווישן אַנדערע זאַכן, געזאָגט: אונדזער דור באַגייט אַ גרויסן טעות דערמיט, וואָס ער פאַרנאַכלעסיקט ייִדיש. מיר דאַרפן פאָדערן — האָט ער אונטערגעשטראָכן — פון די ראשי הישיבות זיי זאָלן אויפהאַלטן דעם נוהג צו האַלטן אַ שיעור אין ייִדיש. די ייִדישע היים דאַרף נישט משלים זיין, אַז ייִדיש זאָל חס וחלילה פאַרשווינדן, ווייל דאָס קאָן ברענגען גרויס שאָדן פאַרן קיום פון ייִדישן פאָלק.

טיף באַגייסטערט פון זיינע רייד בין איך אַוועק פונעם רב, און האָב נאָך מער פאַרשטאַנען די ראָל פון ייִדיש לשון פאַרן קיום פון ייִדישקייט.

עס איז דעריבער פּאַסיק מיר זאָלן אונדזער זאַמלונג אָנהויבן מיט דעם גאונס רייד וועגן דער וויכטיקייט פון ייִדיש, ווערטער וואָס זענען דערשינען אין שבט תשכ"ב, פעברואַר 1961, 21 יאָר איידער ס'איז פאָרגעקומען אונדזער שמועס.

די רייד פון הרב סאָלאָווייטשיק האָבן נישט ווייניק משפיע געווען, איך זאָל פאַרשטאַרקן די אַרבעט פאַר דעם ייִדיש־קאָמיטעט, וואָס צילט אויך משתתף צו זיין די רעליגיעזע ייִדישע קרייזן פאַרן קיום פון ייִדיש לשון. דער ציל פונעם זאַמלבוך איז צו באַווייזן, אַז שטאַרקן ייִדיש מיינט אויפהאַלטן אַן עיקרדיקן יסוד פון ייִדישקייט.

לאָמיר דאָ אונטערשטרייכן, אַז די באַזונדערע אָפּטיילונג פון רעליגיעזע ייִדן, אָפּשטאַמיקע פון מזרח־אייראָפּע, ביים וועלטראַט פאַר ייִדיש, וועט אויף אַן אויטאָנאָמען אומפּאַרטייאישן אופן זען פאַרשטאַרקן די חשיבות פון ייִדיש צווישן רעליגיעזע קרייזן, צווישן ייִדן וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט אהבת התורה און אהבת ישראל.

זאָלן די רעליגיעזע קרייזן, אַלע תורה־ און אמונה־טרייע ייִדן, גיין אין די טריט פון די גאונים חכמים, וועלכע האָבן געשריבן זייערע ספרים, טיילווייז, אויף ייִדיש (ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווערס „סיפורי מעשיות״, ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווערס „גאָט פון אברהם״, און אַנד.).

און דער עיקר איז ייִדיש וויכטיק פאַר ייִדישקייט, דווקא אין אונדזער דור, ווען מיר זענען עדות פון שוידערלעכע אַסימילאַציע־כוואַליעס, וואָס זענען עלול צו שטעלן אין געפאַר דעם סאַמע קיום פון אונדזער פאָלק. אין שווערן געראַנגל פאַרן קיום און המשך פון ייִדן און ייִדישקייט, איז ייִדיש אָן שום ספק אַן אויסגעפּרווווט געווער.

אָפּהיטן ייִדיש מיינט אָפּהיטן דעם קיום פון ייִדישקייט און פאַרזיכערן דעם המשך פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן לדורות.

יצחק קאָרן

פאָרזיצער פון וועלטראַט פאַר ייִדיש

א.

חשיבות פון יידיש פאַרן קיום
פון יידן און יידישקייט

הרב יוסף דוב סאָלאָווייטשיק

וועגן יִידיש

איך בין נישט קיין יִידישיסט, וועלכער גלויבט, אַז דאָס לשון אַליין שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַבסאָלוטן ווערט. אָבער אַ גמרא־ייִד בין איך יאָ, און איך ווייס, אַז הייליקייט און אַבסאָלוטקייט זענען נישט אַלעמאָל אידענטיש. די הלכה האָט פאָרמולירט צוויי אידעען פון קדושה: 1) גופי קדושה; 2) תשמישי־קדושה. זי האָט אָפּגעפּסקנט, אַז מען דאַרף ראַטעווען פון אַ שרפה שבת, נישט נאָר די ספר־תורה נאָר אויך דאָס מענטעלע, אין וועלכן זי איז איינגעוויקלט; נישט בלויז די תפילין, נאָר אויך דעם זעקל, אין וועלכן זיי ליגן. ממילא, יִידיש ווי אַ שפּראַך, נישט קוקנדיק וואָס זי איז נישט פאַררעכנט צווישן גופי־קדושה, געהערט זיכער צום קלאַס פון תשמישי־קדושה, וועלכע זענען אויך הייליק און וועלכע מען מוז באַשיצן מיט אַלע כוחות. איז דען דאָ אַ שענערער „תיק", אין וועלכן די הייליקסטע ספרי־תורה זענען געווען און זענען נאָך אַלץ איינגעוויקלט, ווי יִידיש? אויף דער שפּראַך האָט דער רמ"א, דער מהרש"ל, דער ווילנער גאון, ר' חיים וואָלאָזשינער און אַנדערע גדולי־ישראל מיט זייערע תלמידים תורה געלערנט. אויף יִידיש האָט דער בעל־שם־טוב, דער מעזריטשער מגיד און דער אַלטער רבי — סודות פון מעשה־בראשית דערקלערט. אויף פשוטן מאַמע־לשון האָבן די יִידישע מאַסן זייער אמונה, פשוטע ליבע און טריישאַפט אויסגעדריקט. עד־היום זאָגן גרויסע ראשי־ישיבות זייערע שיעורים אויף יִידיש. אַזאַ „תיק" איז זיכער הייליק, כאָטש זיין קדושה איז נישט קיין אַבסאָלוטע, נאָר אַן אָפּגעלייטעטע, אין דעם גדר פון תשמישי־קדושה. אויפהאַלטן דעם „תיק" איז אַ גרויסער זכות!

(„דער טאָג", 14 פעברואַר 1961)

רבי מנחם מענדל שניאורסאָן
נשיא פון וועלט־חב״ד

אַן אויסצוג פון אַ שיחה (שמועס) פון אדמו״ר מליובאַוויטש, יתרו תש״ם

גרויס און געליבט איז דער חלק, און גרויס איז דער זכות וואָס לערנען דעם „תניא״ [1] אויף דער ראַדיאָ אויף יִדיש, וואָס זיי טוען אין דער הפצה (פאַרשפּרייטונג) פון די קוואַלן, אין אַן אופן וואָס דערגרייכט אין אַלע עקן פון דער וועלט און דערגרייכט יעדן איינצלנעם ייִדן, ביז צו דעם רבים און דעם ציבור, ביז צו אַזוינע וואָס מען קען זיי ניט דערגרייכן אויף אַן אַנדער אופן, און ווירקן אַז עס זאָל פּועלן סיי ביי די מדברים (די פאַרלייענער) און סיי ביי די שומעים (די צוהערער) אויפן לשון פון אונדזערע נשיאים.[2]

חלקי אלקי ממעל — אַ טייל פון דער אויבערשטער געטלעכ־קייט — איז דער לשון פון פּסוק אין איוב (לא, ב). דער אַלטער רבי לייגט דערביי צו דאָס וואָרט „ממש״, בכדי צו באַטאָנען דעם פּשוטן און בוכשטעבלעכן ייִדישן אַפּטייטש. אַט דאָס וואָרט „ממש״ אין ייִדיש וואָס דאָס גיט צו פאַרשטיין דעם זינען פון פּסוק.

---

1. הייליקער ספר, גרונטווערק פון גרינדער פון חב״ד, רבנו שניאור זלמן פון לאדי, וואָס הייסט „ליקוטי אמרים״.

2. די הויפּט־אדמורי״ם פון דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע, וואָס האָבן געלערנט און פאַרטייטשט דעם „תניא״ אויף יידיש.

הרב יצחק ידידיה פרענקעל
הרב הראשי לתל־אביב—יפו

לשון־קודש און דאָס לשון פון די קדושים

די שפּראַך האָט תמיד געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון פאָלק און אין זיין עקזיסטענץ. נישט בחינם האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט (מדרש רבה, אמור ל״ב): צוליב — אָדער אין זכות — פון דעם וואָס יידן האָבן נישט געענדערט זייער שפּראַך און נישט זייערע נעמען זענען זיי אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות־מצרים. דער מדרש גייט אַזוי ווייט אַריין אין פּרטים, אַז ער דריקט זיך אויס: „ראובן און שמעון האָבן זיי געהייסן גייענדיק קיין מצרים, און ראובן און שמעון זענען זיי געבליבן אַרויס־גייענדיק פון מצרים שוין אויסגעלייזטע״. **זיי האָבן נישט פאַרביטן דעם נאָמען יהודה אויף לעאָן און דעם נאָמען ראובן אויף רובין און אַזוי אַלע נעמען.** אונדזערע חכמים לייגן גרויס געוויכט אויף דער שפּראַך, וועלכע דינט — לויט זייער מיינונג — **ווי אַ קעגנגעוויכט** צו אַסימילאַציע. כאָטש זיי געבן, פאַרשטייט זיך, דעם פאָרצוג דער העברעישער שפּראַך, האַלטן זיי אָבער אַז דער עיקר איז וואָס די אייגענע שפּראַך היט אָפּ פון אויסמישן זיך מיט די פאַרשידענע פעלקער צווישן וועלכע יידן האָבן געלעבט, און דערפאַר האָבן זיי ספּעציעל געלייגט אַכט אויף אָפּהיטן די אייגענע שפּראַך, כדי אָפּצוהיטן די אָריגינעלקייט פון יידן אַלס „יידיש פאָלק״. נישט קיין אַנדער פאָלק „פון יידישן גלויבן״, נאָר **אַ יידיש פאָלק.** ווי מיר זאָלן נישט זיין און צווישן וועמען מיר **זאָלן נישט לעבן, בלייבן מיר יידן!** נאַטירלעך איז דאָס נישט געווען אין סתירה צו אונדזער לאָיאַלקייט. אין אַלע לענדער ווו מיר זענען געזעסן, זענען מיר געווען לאָיאַלע בירגערס און אַפילו לאָיאַלע פּאַטריאָטן. אָבער ביי אַלע אומשטאַנדן זענען מיר געבליבן יידן נישט אַסימילירט און נישט אויסגעמישט.

זייער פיל האָט צו דעם צוגעהאָלפן די שפּראַך. דאָס מזרח־אייראָפּעישע ייִדנטום האָט אויך שטודירט אַנדערע שפּראַכן, און די יוגנט האָט געלערנט אין די שולן פון די פאַרשידענע לענדער ווו זיי האָבן געוווינט און געלערנט די אָרטיקע, די לאָקאַלע שפּראַך, וועלכע איז אויך געווען אַ פליכט, ווי אויך אַנדערע אייראָפּעישע שפּראַכן וואָס האָבן זיך געפּאָדערט אין אייראָפּעישע לענדער, אָבער די מוטער־שפּראַך האָט געגילט ווי די היימאַטשפּראַך צווישן זיך און האָט געהיט ווי אַ שומר אויף אונדזער ייִדישקייט.

ערשט אין דער השכלה־עפּאָכע פון מענדעלסאָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווידערווילן צו ייִדיש. מיט פאַרשידענע תירוצים האָט מען זיך אָנגעהויבן שעמען מיט ייִדיש: דאָס איז קיין שפּראַך נישט — האָבן זיי געטענהט — נאָר אַ זשאַרגאָן פון אַ פאַרגרייזטן דייטש, מען דאַרף דעריבער לערנען און באַניצן די אָרטיקע שפּראַך ווו מען וווינט, און ווערן „דויטשן פון מאָזעסעס גלויבן" און דאָס גלייכן.

שוין דעמאָלט האָבן ייִדן געוואָרנט אַז דאָס פאַרלאָזן די אייגענע שפּראַך און דאָס אייגענע לשון וועט ברענגען צו אַסימילאַציע. אַ פאַקט וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק אין די שפּעטערע צייטן.

די פראַגע פון דער שפּראַך אַלע אַזעלכע ווערט באַהאַנדלט אין די מקורות פון תלמוד, אין דער גמרא נדרים. אויפן ערשטן בלאַט פרעגט דאָרט דער ר״ן (רבינו נסים), וואָס איז אַזוינס אַ שפּראַך, און ער ענטפערט: געוויסע פעלקער האָבן זיך אויס־געטראַכט אַ שפּראַך כדי צו קענען זיך פאַרשטענדיקן צווישן זיך און די שפּראַך זאָל נישט זיין די זעלבע מיט וועלכער ס׳באַניצן זיך אַנדערע פעלקער — און אַזוי איז עס געוואָרן אַ שפּראַך. — יאָ! זאָגט דער ר״ן — אונדזערע חכמים האָבן געהאַט נישט ווייניקער רעכט צו שאַפן צווישן זיך אַ פאַרשטענדיקונגס־שפּראַך ווי אַלע אַנדערע פעלקער און די דאָזיקע שפּראַך, כאָטש זי האָט נישט קיין היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, איז זי נישט ווייניקער

אינטערעסאַנט און האָט נישט ווייניקער ווערט ווי די שפּראַכן וועלכע פאַרשידענע פעלקער האָבן זיך געשאַפן.

זיכער וואָלטן מיר געדאַרפט צוריקגיין צו לשון־קודש, וואָס איז אונדזער תנ״ך־שפּראַך. אָבער דער גלות האָט אונדז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און דאָס האָט צום באַדויערן איבער־געריסן אונדזער הייליקן בונד מיט לשון־קודש, וועלכע איז מערסטנס געבליבן אַ לערנשפּראַך, צום לערנען און שטודירן, אָבער נישט קיין פאָלקשפּראַך פאַר די מאַסן. אַנשטאָט איר איז געבוירן געוואָרן אַ קאָנטאַקטשפּראַך ייִדיש, וואָס האָט געדינט אַלס פאָלק־און היימשפּראַך צווישן ייִדן און נאָר צווישן ייִדן.

ליידער לעבן מיר איצט אין אַ תקופה ווען די באַדינגונגען האָבן זיך געענדערט. ייִדן וועלכע לעבן היינט אין אַ גרויסער צאָל אין ענגליש־רעדנדיקע לענדער, מאַכן אַלע באַמיונגען נישט צו באַנוצן זיך מיט ייִדיש. זיי זענען גרייט צו רעדן דעם ערגסטן ענגליש, אַ פאַרגרייזטן, אַ צעקאַליעטשעטן, אַבי נישט קיין ייִדיש! און דאָס נישט צוליב דעם זיי זאָלן זיך צוגעוווינען צו דער לאַנדשפּראַך, נאָר דער עיקר כּדי צו זיין גלייך מיטן אַרום און זיך שפּראַכלעך אַסימילירן אין די לענדער ווו מען זיצט, און פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע ביז פולשטענדיקער אַסימילאַציע איז דער וועג נישט קיין ווייטער. ער פירט צו אויסבאַהאַלטן דאָס ביסעלע ייִדישקייט ווי ווייט מען קען — זאָל די וועלט נישט זען ווער איך בין. עס דאַכט זיך אַז אַזוי איז לייכטער און באַקוועמער צו לעבן. עס איז קלאָר און זיכער, אַז ענגליש רעדן און ענגליש דענקען איז נאָך נישט קיין רעטונג־גאַרטל קעגן אַנטיסעמיטיזם. פאַרקערט! די גויים־וועלט טראָגט קעגן אונדז אין געוויסע לענדער אַ צאָרן און כּעס דווקא דערפאַר וואָס מיר ווילן זיך אויסמישן מיט זיי און פאַרנעמען פּאָזיציעס אין דער עקאָנאָמישער אָדער פּאָליטישער וועלט, אין דער צייט וואָס מיר זענען ייִדן. און לויט זייער מיינונג דאַרפן מיר בלייבן אין אונדזערע ראַמען.

היינט־צו־טאָג, ווען מיר זעען די מאַסן־אַסימילאַציע אין

אַמעריקע, ספּעציעל ביי דער יוגנט, וועלכע שעמט זיך מיט ייִדיש און ייִדישקייט, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז נישט געקוקט אויף אַלע מיספאַרשטענדענישן איז ייִדיש דאָך אַ מויער קעגן פולשטענדיקער אַסימילאַציע, און ווען מיר האָבן נישט די מעגלעכ־קייט צו פאַרוואַנדלען **לשון־קודש** אין אַ מאַסן־פאָלקשפּראַך, זענען מיר מחויב צו באַניצן זיך מיט דעם **לשון פון די קדושים**. מיט דער שפּראַך האָבן זיי, די מיליאָנען פאַרברענטע און פאַרגאַזטע, אויסגעשריגן זייער לעצטן ווייגעשריי, און זייער׳ע ווייטאָגן: „מאַמע! טאַטע! מיין קינד! משהלע, שלמהלע" — זענען געווען זייער לעצטער אָטעמצוג פאַרן אויסהויכן זייערע הייליקע נשמות. צו אונדזער טיפן ווייטאָג זענען זיי געווען די רעזערוון פון ייִדן און ייִדישקייט. און מיר, די ווייניקע געבליבענע, זענען גערופן אויפצוהיטן אויף דעם „שארית ישראל", די רעשטן פון דעם אונטערגעגאַנגענעם ייִדנטום.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו הערן אַ באַריכט פון אַ ישראל־קאָנסול אין אַמעריקע, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג אַהערגעקומען. מיט טיפער אחריות האָט ער געזאָגט: עס איז נישט ריכטיק אַז מיר האָבן אין אַמעריקע 6 מיליאָן ייִדן. די צאָל איז ליידער אַ סך אַ קלענערע. די הונדערטער טויזנטער וועלכע האָבן חתונה געהאַט מיט נישט־ייִדן, און די צאָל פון דער קליינער פאַרמערונג פון ייִדן ברענגען דערצו, אַז אויב עס זאָל חלילה ווייטער אַזוי אָנגיין, ווער ווייס ווי ווייט עס וועט זיך פאַרקלענערן די צאָל ייִדן אין אַמעריקע. פאַרשידענע רעפאָרמירטע געמיינדעס העלפן דערצו צו, געמישטע חתונות, געמישטע קינדער און קיין אָפּהאַלט איז נישטאָ.

איך מיין נישט אַז די שפּראַך איז די הויפּט־רפואה קעגן אַסימילאַציע, אָבער זי איז אַן אויסמיידנדיקע רפואה. אין אַ היים, ווו מען רעדט ייִדיש, ווו ייִדיש איז די מוטערשפּראַך, זענען נאָך דאָ וואָרצלען פון אָנגעהעריקייט צו ייִדן און צו ייִדישקייט. און אין די היימען, ווו ייִדיש פאַרשווינדט, איז שווער זיך צו פאַרלאָזן

אויף נסים, און ווען ס'איז דערצו אויך נישטאָ קיין ריכטיקע ייִדיש־קייט און קיין ייִדישע דערציִונג — ענדיקט זיך אַלץ.

דעריבער איז אונדזער חוב צו שטיצן ייִדיש ווי לאַנג לשון־קודש איז נישט קיין אַלגעמיינע פֿאָלקשפּראַך צום פֿאַרשטענדיקן זיך מיט אַלע טיילן ייִדן אין דער וועלט, מוזן מיר זען אַז ייִדן זאָלן זיך פֿאַרשטענדיקן און זיך דורכרעדן **אין דער שפּראַך פֿון די קדושים.**

פראָפ׳ אפרים א. אורבאַך, ירושלים

די חשיבות פון יידיש לשון *

כבוד נשיא המדינה, כבוד היו״ר, חברים אין פרעזידיום, דעלעגאַטן און געסט, ברידער און שוועסטער,

דער זיווג יידיש און יידישע קולטור פאַרלאַנגט אַ באַטראַכ־טונג. דער ענין איז נישט פשוט. יידיש איז אַ שפּראַך, אַ לשון וואָס יידן האָבן גערעדט און געשאַפן, אָבער יידיש איז נישט די איינציקע יידישע שפּראַך.

אונדזער פאָרזיצער, יצחק קאָרן, אין זיין בוך „דאָס גראַנגל פאַר יידיש״, האָט אויפגעציילט אַ גאַנצע צאָל יידישע שפּראַכן, און איך מוז זאָגן אַז ער איז נאָך געבליבן שולדיק — עס זענען נאָך דאָ מער יידישע שפּראַכן.

די אַנטשטייונג פון דער יידישער שפּראַך דערקלערט מען בדרך כלל ווי אַ רעזולטאַט פון פאַריידישן די לאַנדשפּראַך. דער הסבר איז בלי שום ספק אָנגענומען. איך האַלט מיך נישט פאַר אַ מומחה אין דעם ענין. מיר האָבן דאָ אין ישראל פאָרשערס פון יידיש. אָבער פרעגן מעג דאָך יעדער, ווי האָט געזאָגט מענ־דעלע מוכר ספרים? „אין דער וועלט דאַרף מען אַלץ וויסן, אַלץ הערן, עס קומט אַ מאָל צוניץ״. און מען קאָן זאָגן, אַז מען דאַרף אויך אַלץ פרעגן. עס קומט אַ מאָל צוניץ.

פון אַלע יידישע שפּראַכן איז סתם יידיש דאָס לשון, וואָס מיר, אשכנזישע יידן, רעדן. די זכיה פון יידיש ליגט אין דעם וואָס מיליאָנען יידן האָבן גערעדט און געשאַפן אין אַלע ענינים, אין דער שפּראַך.

---

* רעדע געהאַלטן ביי דער פערטער סעסיע פונעם וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור. מאַי 21—24, תל־אביב 1985.

עס איז מקובל אַז די ערשטע סטאַדיע פֿון ייִדיש האָט זיך אָנגעהויבן אין די שטעט פֿון די דייטשישע פּראָווינצן לאָטערינגען און פֿון ריין. און דאָס האָט געפֿונען אַ באַשטעטיקונג אין דעם שווין הײַנט באַקאַנטן כּתב־יד, וואָס געפֿינט זיך אַצינד אין ירושלים, אין מחזור וואָרמס. דער טעקסט פֿון צען ווערטער אויף ייִדיש אַנטהאַלט אין זיך דרײַ העברעיִשע ווערטער.

דער זיווג פֿון העברעיִש און ייִדיש איז שווין דאָרט פֿאַראַן, און עס פֿרעגט זיך, צי דער פּראָצעס איז געווען פֿאַרייִדישן די לאַנדשפּראַך, אָדער פֿאַרקערט: פֿאַרטײַטשן די ייִדישע שפּראַך. וואָס איז זי געווען, אויב נישט די שפּראַך וואָס ייִדן האָבן באַנוצט אין זייערע תּפֿילות, אין בית־מדרש, אין בריוו־שרײַבן און דאָקומענטן?

די העברעיִשע שפּראַך איז געבליבן די שפּראַך וואָס האָט פֿאַראייניקט, און פֿאַראייניקט נאָך, ייִדן פֿון פֿאַרשידענע צענטערס. ווען דער ערשטער ייִדישער דיפּלאָמאַט אין שפּאַניע, חסדאי אבן־שפּרוט, האָט קאָרעספּאָנדירט מיט ייִדן אין פֿראַנקרייך, אין איטאַליע און מיט דעם קעניג, דעם מלך הכּוזרים, האָט ער געשריבן זײַנע בריוו נישט אין אַראַביש, נאָר אין העברעיִש. (זע יעקב מאַן, Texts and Studies, 1931, p. 3—4).

און ווען הונדערטער יאָרן שפּעטער איז געקומען ר׳ ישעיהו האָראָוויץ, דער בעל השל״ה הקדוש, קיין דמשק פֿון פֿראַנקפֿורט און פּויזן, האָט ער געדרשנט דאָרט אין שול אין לשון־קודש. און ווען, אַ 200 יאָר שפּעטער, איז ר׳ מאיר אויערבאַך, דער קאַלישער רב, דער ערשטער אשכּנזישער רב, אָנגעקומען קיין ירושלים און האָט זיך געטראָפֿן מיט דעם חכם באַשי, האָט ער נישט גערעדט מיט אים לאַדינאָ און נישט אַראַביש, און נישט ייִדיש, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און געשמועסט מיט אים אין העברעיִש.

דער פּראָצעס איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: ייִדן האָבן געמוזט קעגען די שפּראַכן פֿון די שכנים און האָבן באַנוצט ווערטער פֿון די שפּראַכן, כּדי צו דערקלערן באַגריפֿן אין זייער

נאַציאָנאַלער און טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור. יעדער ווייס אַז רש״י באַנוצט זיך מיט פראַנצויזישע ווערטער. און עס זענען דאָ כתבי־יד אין וועלכע עס זענען דאָ דייטשישע ווערטער ווי אויך סלאַווישע ווערטער.

אַזאַ איז געווען דער פּראָצעס כדי באַקאַנט מו מאַכן די אַראַמעישע און העברעיִשע ווערטער וואָס זענען נישט געווען געווּנג באַקאַנט. ייִדיש הייסט די שפּראַך פון ייִדן. און אַט! — אַ פּאַראַדאָקס: אין גאַנצן תנ״ך הייסט די שפּראַך וועלכע מיר רופן העברעיִש נישט עברית, נאָר זי הייסט יהודית. ייִדיש, די שפּראַך פון ייִדן.

ערשט אין דער משנה געפינט זיך דער באַגריף עברית. און ווי ער קומט פאָר, איז ער אין קעגנזאַץ צו אַן אַנדער שפּראַך. אַזוי צום ביישפּיל, גט שכתבו עברית ועדיו יוונית (גיטין ט, ח) — אַ גט וואָס מען האָט געשריבן אין עברית און די עדות האָבן אונטערגעשריבן אויף גריכיש.

העברעיִש שטייט דאָ נישט אין קעגנזאַץ צו גריכיש. עס זעט אויס, אַז דאָ האָט געהאַט אַ השפּעה דער ווידערווילן צו אַ פרעמדער שפּראַך. דער אייניקל פון בן־סירא שרייבט אין זיין הקדמה צו דער גריכישער איבערזעצונג פון דעם חיבור פון זיידן, די משלי בן־סירא, אז ער האָט איבערגעזעצט פון העבראַיִקאַן. ד. ה. פון העברעיִש. עס איז קלאָר אַז דאָס טעגלעכע לעבן האָט פאַרלאַנגט אַז ייִדן זאָלן קענען די שפּראַכן פון די גויִים. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרטייטשן שווערע ווערטער וואָס מ׳האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען אין העברעיִש. אַ תלמיד־חכם האָט געדאַרפט איבערזעצן ווערטער. פשוטע ייִדן, און דער עיקר פרויען. האָט מען מער און מער באַקאַנט געמאַכט מיט דער שפּראַך וואָס איז געווען אַ געמיש פון העברעיִש און דער לאַנדשפּראַך.

דער מחבר פון „צאינה וראינה״, יעקב בן יצחק אשכנזי פון יאַנאָווע אין פוילן, רימט זיך אין זיין הקדמה אַז „מיר, השם יתברך, האָט געהאָלפן, און האָב מזכה געווען מאַן און ווייבער.״ דער מחבר

דערקלערט זיין הצלחה אויף אַ מאַטעריאַליסטישן שטייגער. ער שרייבט: „און ווען איינער (ד. ה. אַ מאַן) האָט שוין געוואָלט געהן לערנען, דו קאָן מען נישט פון וועגן שווערע מחיות (ד. ה. שווערע פּרנסה) בפּרט די זעלביקן זענען אויך געווען בחורים, און ער איין ווייב האָט גענומען, און אַזוי באַלד אַז זיין ווייב נעמט, דאָן וואַרפט ער די תורה אַוועק און ווערט איין עם־הארץ.

און אַז ער אַלט ווערט, דאָ האָט ער חרטה, און ער זוכט איין ספר אויף טייטש, דאָ קויפט ער דס זעלביגע און ער געדענקט זיך וואָס מיר אויך תורה לערנען". (מיין פריינד חנא שמערוק האָט געבראַכט דעם ענין אין זיין חיבור „ספרות יידיש" פון דער הקדמה צום ספר „מליץ יושר", פּראָג 1688).

די זעלבע סיבות האָבן געבערענגט מיט זיך אַ גרויסע צאָל איבערזעצונגען, פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור, אויף דער שפּראַך וואָס די ייִדן האָבן גערעדט אין די פאַרשידענע געגנטן. ס'האָבן זיך אַנטוויקלט אויך אין ייִדיש עטלעכע דיאַלעקטן. דער מערב־ייִדיש איז נישט געווען ווי דער מזרח־ייִדיש, און דער צפון־ייִדיש נישט ווי דער דרום־ייִדיש. אָבער מען האָט זיך גוט פאַרשטאַנען. און עס איז אַ פּאַראַדאָקס אָבער אַן אמת אַז מען געפינט אַ מאָל אַז מענדעלע מוכר ספרים האָט געהיטן אַ גרעסערע גאָענטקייט צו זיין מקור אין יידישן נוסח, ווי אין העברעיִשן.

אַזוי שרייבט ער: מען איז (אין פישל החיגר, פישקע דער קרומער) מרכיב ביי אונדז ייִדן חיגר על הסומא. איך ווייס נישט אויב אַ סך מענטשן ווען זיי לערנען היינט, ווייסן זיי וואָס דאָס הייסט חיגר על הסומא, אין ייִדיש. אָבער דעם חיגר על הסומא האָט מענדעלע באַנוצט ווי אַן אַלטן משל וואָס געפינט זיך אין מדרש, און דער מדרש זאָגט — עס איז געווען אַ מאָל אַ מלך בשר ודם, וועלכער האָט געהאַט אַ שיינעם פּרדס, און האָט אַריינ־געזעצט צוויי שומרים, איינעם אַ בלינדן און דעם צווייטן אַ הינ־קעדיקן. דער הינקעדיקער האָט זיך געזעצט אויפן בלינדן, און ביידע האָבן אָנגעהויבן עסן די בעסטע פּירות... נאָך אַ צייט האָט דער בעל־הפּרדס געפרעגט: ווו זענען די פּירות? דער בלינדער

האָט געטענהט: האָב איך דען אויגן צו זען? און דער הינקעדיקער האָט געטענהט: האָב איך דען פיס צו גיין?

וואָס האָט געטאָן דער בעל־הפרדס? ער האָט מרכיב געווען דעם הינקעדיקן אויפן בלינדן און האָט זיי באַשטראָפט.

אָבער נישט נאָר מענדעלע, דער קלאַסיקער און דער בקי, האָט גענוצט אַלטע אויסדרוקן פון דער העברעיִשער שפּראַך, נאָר אַפילו אין אַ פאַלקסראָמאַן ווי „די צוריק געקומענע ליבע", וואָס איז דערשינען אין ווילנע אין 1894, שרייבט דער מחבר אליעזר דוד פינקל: „דאַרפסט אויך נישט טרויערן. זיין מויל טראָגט האָניג, אָבער אין תוכו כברו. ד.ה. איז זיין אינעווייניק נישט אַזוי ווי זיין דרויסן. און דאָס איז אַ פשוטע ציטאַטע פון אַ מאמר פון חז"ל „כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אל ייכנס לבית המדרש". (ברכות, כ"ח ע"א).

און אַז מען האַלט שוין ביי „תוכו כברו", מוז מען טאַקע זאָגן אַז אַזוי לאַנג ווי דער תוך פון דער יִדישער שפּראַך איז געווען פאַרבונדן מיט דעם שורש פון די יִדישע מקורות און פון דער יִדישער קולטור, האָט אויך די נייע שאַפונג אין דער ליטע־ראַטור, אין פּראָזע און אין פּאָעזיע, זיך געפילט ווי אַ שבט פון דער אַלגעמיינער יִדישער קולטור וואָס שעפּט פון אַלטע קוואַלן און שטרעבט צו נייע, באַטראַכטנדיק ביידע, דאָס אַלטע און דאָס נייע, קריטיש און מיט הומאָר. דאָס האָבן געטאָן מענדעלע, שלום עליכם, י. ל. פּרץ, און אַ סך אַנדערע יִדישע שרייבערס.

שוין נישט צו רעדן פון העברעיִשע שרייבערס וואָס האָבן אויך געשריבן אין יידיש. אמת, נאָך דער טשערנאָוויצער קאָנ־פערענץ האָבן נישט געפעלט קיין ראַדיקאַלע און שטורמישע ריכ־טונגען וואָס האָבן געוואָרפן אַ גט דעם גאַנצן יִדישן עבר, דער יִדישער פאַרגאַנגענהייט, זייער ליטעראַטור, און האָבן געזוכט אַ ביליקן אַנשלוס צו אַ נייער וועלט. לײדער איז די דערשיינונג אויך חרוב געוואָרן אין איינעם מיט דעם גרויסן חורבן פון פּוילישן און ליטווישן יידנטום אין אייראָפּע, און מיט דעם טראַגישן גורל

פון די יידישע שרייבערס און סאָוויעט־רוסלאַנד אין די 40ער יאָרן און אין די 50ער יאָרן.

מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת. אין דער מחלוקת צווישן די חסידים פון יידיש און די עקסטרעמע חסידים פון העברעיִש, האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע ארץ־ישראל. די אידעאָלאָגיע פון דער כנעניִשער ריכטונג האָט געצויגן אין אַ געוויסער מאָס איר יניקה פון דעם נעגאַטיוון איינשטעל צו יידיש אין וועלכן מען האָט געזען אַ ירושה פון גלות. אָבער מיט דער צייט האָבן זיי זיך באַטראַכט און געזען אַז די ענינים זענען נישט פּשוט און מען האָט זיך עמאַנציפּירט פון דעם חטא פון נערות, און מען איז געקומען צו מער בגרות.

און איך מוז דאָ זאָגן, אַז אַ גרויסן טייל אין פאַרדינסט פאַר יידיש אין ארץ ישראל האָט דער שרייבער אברהם סוצקעווער, וועלכער האָט גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין ישראל פאַרטראַכט דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ צענטראַלן יידישן זשורנאַל. דער ערשטער נומער, וואָס איז אַרויסגעקומען שוין אין יאָר 1949, האָט שוין פאַראייניקט יידישע שרייבערס ווי שלום אַש, אהרן צייטלין, ה. לייוויק, אָפּאַטאָשו פון אַמעריקע און די נייע עולים שרייבערס אין ארץ־ישראל, מיט העברעיִשע שרייבערס דב סדן, (בערל שטאָק) און יעקב פיכמאַן וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו שרייבן יידיש. אין דער ערשטער צייט האָט סוצקעווער נאָך געפירט אַ שווערן געראַנגל קעגן אָט די אָרטאָדאָקסישע העברעיִסטן און קעגן שטאַרק פרומע יידישיסטן. אָבער די מער ווי הונדערט נומערן „די גאָלדענע קייט" וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען, באַווייזן ווי גערעכט סוצקעווער איז געווען.

און פאַר דעם אַליין האָט ער פאַרדינט דעם פּרס ישראל.

עס פעלן אָבער אויך היינט נישט קיין פּוריסטן פון ביידע זייטן, איך האָב לעצטנס געלייענט אַן אַרטיקל אין אַ חשובער העברעיִשער צייטשריפט אַ פּראָטעסט קעגן דעם נוצן ענדונגען „ניק" אין העברעיִשע ווערטער. דער מחבר פון אַרטיקל שרייבט

אַז מיר זאָגן מפּאיניק און חרותניק און סירובניק און קיבוצניק און מוסרניק, און ער שלאָגט פֿאָר אַז מיר זאָלן דאָס באַזייטיקן. דאָס איז לויט אים אַ זינד קעגן דער העברעיִשער שפּראַך, קעגן דער ריינקייט פֿון דער העברעיִשער שפּראַך.

און דער חטא איז אַ דאָפּלטער; עבירה גוררת עבירה. די ענדונג „ניק" ברענגט אַז די נגינה פֿון די ווערטער איז מלעיל, בשעת אין העברעיִש איז די נגינה מלרע. דער מחבר פֿון אַרטיקל זאָגט אַז מען דאַרף איינפֿירן אַז אויפֿן אָרט פֿון מוסרניק זאָל מען זאָגן איש מוסר, אַנשטאָט קיבוצניק — חבר קיבוץ און אַנשטאָט חב"דניק זאָגן חסיד־חב"ד.

בלויז פֿאַרן וואָרט נודניק האָט ער נישט געפֿונען קיין עצה... און עס וווּנדערט מיך נישט. דער קאָצקער רבי האָט געטייטשט דעם פּסוק: „ואנשי קודש תהיו לי", הייליק זאָלט איר זיין אָבער מענטשלעך הייליק. „לשון־קודש איז טאַקע אַ הייליקע שפּראַך אָבער אויך אַ מענטשלעכע. „דברה תורה בלשון בני אדם".

ס׳דוכט זיך מיר אַז די פּוריסטן פֿון ביידע זייטן — פֿון ייִדיש און העברעיִש — ווערן וויניקער. דערפֿאַר שטאַרקט זיך דער אינטערעס אין פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און פֿון אירע מקורות, פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר און פֿון דער געשיכטע און באַדייטונג פֿון דער דער ייִדישער ליטעראַטור, עס שטאַרקט זיך אויך די צוזאַמענאַרבעט פֿון די פֿאָרשערס אין ישראל מיט די פֿאָרשערס אין אַנדערע לענדער — און איך וועל נישט ציילן די פּובליקאַציעס אין דער פֿאָרשונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך און פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור דאָ אין ארץ־ישראל פֿון דריי דורות. און די פֿאַרשיידענע פּובליקאַציעס פֿון דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים דורך דער מאַגנעס־פּרעס און דער נאַציאָנאַלער אַקאַדעמיע פֿון מוסד־ביאַליק און פֿון אַנדערע אינסטיטוציעס.

דער חשובער, ליידער יונג פֿאַרשטאָרבענער פֿאָרשער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, פּראָפ׳ אוריאל ווײַנרייך, האָט אין זיין אַרטיקל „ייִדיש" אין דער „אנציקלאָפּדייה העברית" באַמערקט, אַז די

השפּעה פון העברעיִש אויף ייִדיש אין ישראל האָט געשאַפן די טאָפּלטע באַטייטן פון איין וואָרט, די טראַדיציאָנעלע פאָרם פון עליה, ד.ה. עליה לתורה, און די מאָדערנע פאָרם — עליה לארץ ישראל.

ס'איז נישט קיין ספק, אַז ייִדיש פון ארץ־ישראל האָט זוכה געווען צו אַן עליה, און איך ווינטש אייך אַלע, אַז ייִדיש און ייִדישע קולטור אין גלות זאָל פירן צו עליה.

פּראָפ' מנחם עמנואל ראַקמאַן
פּרעזידענט פון בר־אילן אוניווערסיטעט

ייִדיש לשון אין דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט

ייִדיש איז די שפּראַך פון כמעט אַלע אָנטיילנעמערס אין דעם זאַמלבוך. מיין מוטערשפּראַך איז געווען ענגליש, און ווי אַזאַ איז די שפּראַך פאַרבליבן אין מיין יוגנט, איידער איך האָב זיך דערקענט צום לשון דורך דעם לימוד פון תלמוד אין דער ישיבת רבנו יצחק אלחנן אין ניו־יאָרק. דעריבער איז מיין פאַרבינדונג מיט ייִדיש ווי פון איינעם וואָס איז צו איר צוגעקומען שפּעטער, און וועט דערפאַר זיין מסתמא וויניקער באַלאָדן מיט פּאַטאָס און ליידנ־שאַפט. איך קאָן דערפאַר זיין מער אָביעקטיוו אין מיין אָפּשאַצן די באַדייטונג פון ייִדיש פאַר מיר און פאַר אַנדערע.

אין זייער צוויי־טויזנטיאָריקער געשיכטע האָבן ייִדן גערעדט אויף נישט וויניק שפּראַכן און ס'איז געווען נאַטירלעך זיי זאָלן אַריינגעמען אין דער שפּראַך אויף וועלכער זיי האָבן גערעדט, ווערטער און פראַזעס וואָס האָבן זייער מקור אין די לשונות פון זייער עבר. איינס פון די אייגנאַרטיקסטע און כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון ייִדישן פאָלק, איז וואָס עס האָט אַריינגעגאָסן אין די שפּראַכן די עלמענטן, וואָס האָבן אַנטפּלעקט די ווערטן פון זיין שטייגער־לעבן. די דאָזיקע עלעמענטן זענען נישט געווען בלויז ווערטער און פראַזעס פון דער טאָג־טעגלעכער רוטין, נאָר ווערטער, וואָס זענען געווען אַן אויסדרוק פון האָפענונגען און אַספּיראַציעס, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון אונדזער עבר און זיינע טרוימען.

אין די ענגלישע שריפטן פון מאָריס סעמיועל, לעאָ ראָסטאָן און אַנדערע געפינט מען נישט וויניק ייִדישע אילוסטראַציעס. דעם דאָזיקן פענאָמען, בין איך זיכער, קאָן מען באַמערקן אויך אין

„לאַדינאָ". די סיבה איז פֿאַרשטענדלעך. ייִדן האָבן תּמיד געלערנט תּורה און אַנדערע ספֿרי־קודש זענען צוגעפּאַסט געוואָרן צום ייִדיש אָדער לאַדינאָ פֿון מלמד און תּלמיד, אַזוי אַז נישט אַלע מאָל איז געווען גרינג אונטערצושיידן צווישן די איבערגעזעצטע און צוגעפּאַסטע ווערטער און פֿראַזעס און דעם טעקסט. עס איז נישט געווען קיין ענין פֿון צופּאַסן דעם קודש צום חול, עס איז געווען די פֿאַרהייליקונג פֿון סעקולאַרן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ טויזנט יאָר. די קדושה פֿון עבֿרית איז אַריינגעפֿלאָסן אין די שפּראַכן אויף וועלכע ייִדן האָבן געלערנט.

די וועלכע פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער שיינקייט פֿון די שאַפֿונגען פֿון ייִדישן פֿאָלק, וועלן בשום אופֿן נישט מסכּים זיין, אַז די דאָזיקע אוצרות זאָלן פֿאַרשווינדן. אויב מיר האַלטן אַז קונסטווערק דאַרפֿן לעבן אייביק, ווי מעגן ווערטער, וואָס זענען געשאַפֿן געוואָרן מיט אַזוי פֿיל ענערגיע פֿון גאָט־פֿאַרשיכורטע נשמות, נישט בלייבן אומשטערבלעך ?

עס האָט מיר זייער באַנג געטאָן וואָס איך האָב נישט געקענט קיין ייִדיש אין מיין פֿריסטער יוגנט. דאָס וואָלט דאָך מיר געהאָלפֿן צו רעדן אַ פֿליסיקערן ייִדיש, לייענען די שפּראַך גרינטלעכער און דער עיקר בעסער פֿאַרשטיין די אָריגינעלע חסידישע מעשׂיות, דער־ציילט פֿון חסידים. דאָס וואָלט מיר געהאָלפֿן מער באַנעמען די ווערטן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און די אָפּגרונטיקע טיפֿקייטן פֿון מיינע לערערס אין דער ישיבֿה־וועלט און אויך דערשפּירן דעם פּאַטאָס פֿון ייִדישער פּאָעזיע, פּראָזע און דראַמע ; איך וואָלט געזונגען ייִדישע פֿאָלקסלידער אין מאַמע־לשון.

צוליב די דאָזיקע און אַנדערע סיבות וויל איך איצט צוטראָגן מיין צושטייער צום קיום פֿון ייִדיש. איך בין צופֿרידן וואָס אין דער צייט וואָס איך בין געווען דער נשׂיא פֿון בר־אילן אוניווערסיטעט, האָבן מיר אַריינגענומען אין פּראָגראַם פֿון די לימודים־אָפּטיילונגען ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור, געשאַפֿן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פֿאַרן לימוד פֿון ייִדיש און דערמיט געהאָלפֿן צו הייבן די חשיבֿות פֿון ייִדיש אין דער אַקאַדעמישער וועלט.

מיר לעבן אין אַ צייט ווען דער לימוד און די פֿאָרשונג פֿון שפּראַכן אין די אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס פֿאַרשווינדט צו ביסלעך. ענגליש איז כּמעט געוואָרן אַן אוניווערסאַלע שפּראַך. דאָס איז אַ גרויסער שאָר. מיר פֿאַרלירן דורך דעם אייביקע ווערטן.

ייִדן דאַרפֿן זיין די ערשטע אָפּצוהאַלטן די טענדענץ. לאָמיר אַמווייניקסטנס פֿאַרבלייבן אַ דריי־שפּראַכיק פֿאָלק. אויב איר ווילט וועט עס נישט זיין קיין חלום!

שלמה זלמן שרגאי

ייִדיש איז ייִדיש...

איך ווייס נישט, ווי לאַנג נאָך ייִדן אין מדינת־ישראל און אין אַנדערע לענדער, וועלן רעדן ייִדיש; איך ווייס אויך נישט, וויפל עס זענען היינט נאָך דאָ ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט, וועלכע רעדן אַ גאַנצן טאָג אין דער היים און אין בית־המדרש, ייִדיש; איך ווייס נישט, ווי גרויס עס איז די צאָל ייִדן, וועלכע שרייבן היינט און לייענען ייִדיש. איין זאַך איז אָבער פאַר מיר קלאָר — אַז ייִדיש איז אַ **ייִדישע** שפּראַך און נישט קיין **פרעמדע** שפּראַך. ייִדיש איז ייִדיש און נישט גוייִש.

אויסער לשון־קודש, עברית, איז ייִדיש אין היינטיקן דור די איינציקע שפּראַך, וואָס איז ייִדיש און איז דאָס אייגנטום פון בלויז ייִדן. די ייִדישע שפּראַך געהערט אויסשליסלעך נאָר דעם ייִדישן פאָלק אַליין, און געהערט נישט צו קיין שום אַנדער פאָלק, און פאַר דעם איז ייִדיש ייִדיש און נישט קיין פרעמדע שפּראַך. נישט וויכטיק, וויפל ייִדן קענען ייִדיש, וויפל ייִדן באַנוצן זיך מיט ייִדיש אַלס שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן — וויכטיק איז, אַז קיין שום אומה ולשון האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט ייִדיש, נאָר מיר ייִדן אַליין.

רוסיש, פּויליש, דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, און אַלע אַנדערע פרעמדע שפּראַכן, אַפילו ווען ייִדן רעדן און לייענען אין דער שפּראַך, טראַכטן אין דער שפּראַך — ווערן צוליב דעם די אַנדערע שפּראַכן נאָך נישט קיין ייִדישע שפּראַך. זיי בלייבן אַ גוייִש לשון, גוייִש אין רעדן, גוייִש אין טראַכטן, גוייִש אין אַטמאָספערע, גוייִש אַפילו אין קלאַנג, אויף אַזוי פיל גוייִש, אַז ווען אַ ייִד, וועלכער איז געוואָרן דערצויגן אין אַ פרעמדער שפּראַך, אַפילו ווען ער רעדט ייִדיש אָדער העברעיִש, קלינגט עס גוייִש.

די פרעמדע שפּראַכן, אַפילו ווען ייִדן באַנוצן זיך מיט זיי, בלייבן זיי פרעמד, גוייִש אויך אין גייסט. ייִדן, וועלכע ווערן דערצויגן אין פרעמדע שפּראַכן, ווערן מיט דער צייט אָפּגעפרעמדט פון ייִדישן גייסט, אַפילו ווען זיי באַמיען זיך מיט אַלע כוחות אָנצוהאַלטן ייִדישקייט, עס איז אָבער דאַך אַ פרעמדע ייִדישקייט, עס פעלט די ייִדישע נשמה.

לשון־קודש, עברית, איז די שפּראַך פון ייִדישן פאָלק, איז אַ ייִדישע שפּראַך, אַפילו ווען מיליאָנען ייִדן האָבן נישט גערעדט קיין לשון־קודש, האָבן נישט גערעדט קיין עברית, זי איז געווען און איז די ייִדישע שפּראַך, די שפּראַך פון ייִדישן פאָלק, ווייל זי געהערט דעם ייִדישן פאָלק אַליין, דאָס ייִדישע פאָלק האָט נישט קיין שום שותּף צו לשון־קודש, צו עברית. עברית האָט אין זיך די מעלה וואָס זי איז לשון־קודש, אין איר האָבן מיר מקבל געווען די תּורה. ייִדיש, האָבן ייִדן אין משך פון טויזנט יאָר מקדש געווען, אין איר געלערנט אביי־ורבא, אין איר געהאַלטן הייליקע דרשות, אין איר געלעבט אַ הייליק לעבן. ייִדן האָבן נישט קיין שום שותּף צו ייִדיש. דעריבער איז ייִדיש — ייִדיש.

ווען מען זאָל רעדן וועגן הייליקייט פון דער שפּראַך, קאָן מען אונטערשיידן צווישן לשון־קודש און ייִדיש. אָבער, אַז ייִדיש איז נישט קיין פרעמדע שפּראַך, פּונקט אַזוי ווי עברית איז נישט קיין פרעמדע שפּראַך, וועגן דעם קאָנען קיין צוויי מיינונגען נישט זיין.

מען קאָן אַפילו גיין נאָך אַ שריט ווייטער: ייִדיש האָט אין זיך אויך אַן אינערלעכע הייליקייט, ווייל מיליאָנען ייִדן האָבן אין איר גערעדט, תּפילות און תּחינות געזאָגט, הייליקע ספרים געשריבן; אָבער, פרעמדע שפּראַכן, אַפילו ווען מיליאָנען ייִדן רעדן אויף זיי, אַפילו ווען זעצט אין זיי איבער הייליקע ספרים, ווערט די שפּראַך דורך דעם נישט געהייליקט, ווייל די פרעמדע שפּראַכן געהערן פרעמדע, מיר זענען אַ צוטשעפּעניש צו זיי, אָבער זיי האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט אונדזער מהות.

ביי ייִדן ווערט קיין שום זאַך נישט געמאָסטן מיט דער צאָל, נאָר מיט זיין מהות, דאָס ייִדישע פאָלק וועט זיין און וועט שטענדיק

בלייבן אַן עם־אלוקי־אברהם, אַן עם־השם, אַן עם־התורה, אַפילו ווען גרויסע צאָלן ייִדן וועלן צוליב פאַרשידענע סיבות נישט מקיים זיין די תורה. און פאַרקערט: אַפילו ווען גרויסע צאָלן גויִים וועלן מקיים זיין מער מצוות און **וועלן זיך נישט מגייר זיין כדת וכדין, וועלן זיי דורך דעם נישט ווערן קיין ייִדן, און נישט ווערן קיין טייל פון ייִדישן פאָלק.**

ווייל דאָס ייִדישע פאָלק, די ייִדישע אמונה, די ייִדישע תורה, פאַרטראָגן נישט קיין שותפות, „ואין עמו אל נכר...", איז ער זיך מגייר, איז ער אַ ייִד ווי אַלע ייִדן, און הערט אויף צו זיין אַ זון פון אַן אַנדער פאָלק, ער ווערט אַ זון פון ייִדישן פאָלק.

די ייִדישע אמונה, די ייִדישע תורה, איז דאָס וועזנטלעכע אייגנטום פון ייִדישן פאָלק אַליין, דאָס איז דער סימן־היכר וואָס איז ייִדיש און וואָס נישט; זענען צו דעם דאָ פרעמדע שותפים אָדער נישט?

אַ ייִד עסט אַנדערש, טרינקט אַנדערש, שלאָפט אַנדערש, רעדט אַנדערש און לעבט אַנדערש. הערט מען אויף צו זיין אַנדערש — הערט מען אויף צו זיין אַ ייִד. אַז מען לעבט ווי אַ גוי, מען רעדט ווי אַ גוי און מען שלאָפט ווי אַ גוי, הערט מען מיט דער צייט אויף צו זיין אַ ייִד. הייסט דאָס נישט, אַז מען קאָן נישט ווערן קיין גוי אַפילו ווען מען רעדט ייִדיש, אַפילו ווען מען רעדט עברית. דעריבער זאָגט מען: **נישט בלויז רעדן ווי אַ ייִד, נאָר אויך לעבן ווי אַ ייִד,** נישט בלויז שטאַרבן ווי אַ ייִד, נאָר לעבן ווי אַ ייִד ביים לעבן.

די אַנדערשקייט, מיט וועלכער מיר זענען אַנדערש פון אַנדערע, האָט אונדז געמאַכט פאַר אַן „**עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב**".

די אַנדערשקייט האָט אונדז אַפילו אין גלות געהאַלטן פאַר אַן אַנדער פאָלק. מיר האָבן זיך נישט אויסגעמישט צווישן די איינוווינערס פון דעם לאַנד אין וועלכן מיר האָבן געלעבט. בלויז יחידים, וועלכע האָבן זיך געוואָלט אָפּפרעמדן פון ייִדישן פאָלק, זענען אַוועק פון אונדז אין פרעמדע לאַגערן: די אַנדערשקייט האָט פאַר אונדז געמאַכט די פרעמדע לענדער פאַר אַ גלות;

גויִים, וועלכע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע לענדער, האָבן שנעל אויפגעהערט צו זיין וואָס זיי זענען געווען, זיי האָבן זיך שנעל אויסגעמישט מיט די איינוווינערס און געוואָרן אַנדערע ווי זיי זענען געווען. די נייע לענדער זענען דעריבער פאַר זיי נישט געווען קיין גלות... אָבער מיר ייִדן — אונדזער אַנדערשקייט האָט אָפּגעהיט אַז די פרעמדע לענדער אויסער ארץ־ישראל, זאָלן פאַר אונדז זיין גלותן, „ארצות נכר".

אַ דאַנק דעם, וואָס די פרעמדע לענדער זענען פאַר אונדז געבליבן גלותן, האָבן מיר ב"ה זוכה געווען צו מדינת־ישראל אין אַ חלק פון ארץ־ישראל. אַלע אונדזערע טענות וועגן אונדזערע רעכט אויף ארץ־ישראל באַזירן זיך נאָר אויף איין יסוד; אַלע לענדער זענען פאַר אונדז פרעמדע, אַלע לענדער זענען פאַר אונדז גלותן אויסער ארץ־ישראל, וואָס איז אונדזער לאַנד, וואָס איז נישט פאַר אונדז קיין גלות, צי עס איז גוט דאָ צי נישט — איז עס אונדזער.

★

ייִדיש געהערט אויך צו די זאַכן, וועלכע האָבן אונדז אָפּגעזונדערט פון אַנדערע, וועלכע האָבן אונדז אַנדערש געמאַכט ווי אַנדערע, וועלכע האָבן אויך פאַר אונדז אַנדערע אָפּגעפרעמדט און האָבן **אונדז** אָפּגעפרעמדט פון זיי. ייִדיש איז דעריבער געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ **וואַנט**, וועלכע האָט אָפּגעהאַלטן ייִדן פון אויסמישן זיך מיט גויִים. ייִדיש איז געווען און איז אַ ייִדישע שפּראַך, אַ שפּראַך פון ייִדן אַליין. אַדרבה! אויב ייִדיש איז אַ פרעמדע שפּראַך, אפשר קאָן עמעצער געפינען, אויסער ייִדן, אַ פאָלק, וועלכעס רעדט ייִדיש! און אפשר וויל עמעצער מאַכן ייִדיש פאַר אַ פרעמדע שפּראַך, ווייל ער מיינט אַז די ייִדן, וועלכע רעדן ייִדיש, זענען פרעמדע?...

זענען דען די הונדערטער טויזנטער ייִדן אין צפון־און אין דרום־אַמעריקע, אין רומעניע, פראַנקרייך, בעלגיע און אַפילו אין מדינת־ישראל א.א.וו. וועלכע רעדן ייִדיש נישט קיין אייגענע? זעען זיי אין ייִדיש אַ פרעמדע שפּראַך, אַזוי ווי די וועלכע רעדן

ענגליש, פראַנצויזיש, א.א.וו., וואָס טראָץ דעם וואָס זיי רעדן ענגליש, פראַנצויזיש, ווייסן זיי, אַז די שפּראַכן זענען פאַר אונדז ייִדן פרעמדע שפּראַכן ?... די, וואָס רעדן ייִדיש. רעדן דאָך ייִדיש, ווייל זיי זעען ייִדיש נישט אַלס פרעמדע שפּראַך, נאָר זעען זי אַלס ייִדישע שפּראַך. און דווקא, ווייל זיי ווילן אָפּהיטן זייער ייִדישע שפּראַך־אייגנאַרטיקייט, רעדן זיי ייִדיש.

עס איז אַ נאַטירלעכע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דאָ, אין מדינת־ישראל, דאַרף מען באַנייען אונדזער ערשטע אָריגינעלע ייִדישע שפּראַך. דאָס איז לשון־קודש, דאָס איז עברית. אויך אין מדינת־ישראל — אין ארץ־ישראל — רעדן ייִדן ייִדיש מער ייִדן, ווי אין דער גאַנצער וועלט. מען שרייבט אין ייִדיש, מ'לייענט ייִדיש, מ'פלעגט ייִדיש א.א.וו. ווייל ייִדיש איז ייִדיש, ייִדיש האָט אין זיך אַ ייִדישע נשמה. וואָס מ'זאָל אין איר נישט שרייבן, קאָן מען נישט פאַרטושען די ייִדישקייט־נשמה, דאָס פּינטעלע ייִד אין ייִדיש קאָן מען נישט פאַרלעשן, מען קאָן פאַרטושען דעם ייִד אין ייִדיש דורך די נאַרישקייטן, וואָס דאָ אין דאָרט שרייבט מען אין ייִדיש, אָבער נישט פאַרלעשן.

די טרערן וואָס אונדזערע מאַמעס און באָבעס האָבן פאַרגאָסן ביים לייענען נחלת־צבי, צאינה־וראינה, מנורת־המאור, קב־הישר, ביים לערנען חומש אין טייטש־חומש — האָבן נישט אויסגעטריקנט; וועלן קיין מאָל נישט אויסטריקענען, ווייל אין ייִדיש האָבן אונדזערע עלטערן באַהאַלטן דאָס פּינטעלע ייִד, דעם ייִדישן פונק. מאַכן אַ מיש־מאַש פון ייִדיש מיט אַנדערע שפּראַכן, דערקלערן ייִדיש אַלס פרעמדע שפּראַך, דאָס איז שוין אַ ביסל צו ווייט פאַרפאָרן, דאָס איז שוין אַ ביסל צו פיל זיך אָפּגעפרעמדט... אַ ביסל צו פיל זיך פאַרפרעמדט...

★

אמת, ייִדיש אין אַ פרעמדע שפּראַך, אָבער נישט פאַר אונדז ייִדן. פאַר פרעמדע, אָדער פאַר אָפּגעפרעמדטע, איז ייִדיש אַ פרעמדע שפּראַך, פאַר ייִדן איז ייִדיש נישט קיין פרעמדע שפּראַך, פאַר ייִדן איז ייִדיש — ייִדיש.

הרב אברהם ביק

נצח פון יהדות און קיום פון ייִדיש

ייִדישקייט — פאַר ייִדיש. שוין דער עצם קלאַנג פון וואָרט־זיווג: ייִדישקייט און ייִדיש שאַפט פוןביידע סינאָנימען. זאָל עס מיינען, אַז ייִדישע תורה און אמונה און ייִדיש לשון זענען איינס און דאָס זעלבע? — ניין! זאָגן מיר. עס באַטייט אַז יהדות, ייִדישקייט וואָס ציט זיך פון אברהם אבינו ביז סיני, פון די נביאים ביז תלמוד בבלי און ירושלמי, די גאונים פון בבל, פון ספרי מוסר אין מיטלעלטער ביז „צאינה וראינה" און „קב־הישר"; ביזן בעל־שם־טוב פון מעזשביזש, ר' נחמן פון בראַסלאַוו און ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו, — דער ווילנער גאון און די ראשי ישיבות פון וואָלאָזשין און טעלז — איז געגאַנגען אין איין דרך, אין איין ליניע. די ליניע איז העברעיִש — אַראַמיש — ייִדיש.

העברעיִש איז דער יסוד, דער פונדאַמענט. אויפן דאַך פון העברעיִשן בנין האָבן ייִדן, גרויסע טיילן פון ייִדישן פאָלק, גערעדט פאַרשיידענע שפּראַכן. אָבער אַראַמיש איז אונדז פאַרבליבן.

ייִדן האָבן גערעדט העלעניש־גריכיש און אַרויסגעגעבן אַ פילון היהודי, פילאָ פון עגיפּטן. ייִדן האָבן גערעדט רוימיש און געשאַפן אַ יוסיפוס. אָבער סיי פילאָ־יודעוס און סיי יאָזעפוס פלאַוויוס דאַרפן מיר איבערזעצן און פון דאָס ניי אַריינגעמען אין פאָלקס־אוצר אַריין.

אַביי און רבא, ריש לקיש און רבה בר בר־חנה זענען געבליבן ווי זיי שטייען און גייען. זיי דאַרפן מיר נישט איבערזעצן און צוריק אַריינגעמען. זיי זענען קיין מאָל נישט אַוועק. זיי זענען אַ טייל פון דער דירעקטער ליניע, פון דרך המלך — אַ רינג אין דער קייט. ווייל אַראַמיש איז געווען די שפּראַך אויף וועלכער די

ייִדישע מאַסן האָבן געלעבט און במילא אויך געשאַפן זייער נאַציאָנאַלע קולטור. גריכיש און רוימיש האָבן גערעדט בלויז טיילן פון פאָלק, די דענאַציאָנאַליזירטע אינטעלעגענץ, די אברים המדול־דלים.

אַראַמיש און ייִדיש

און נאָך אַראַמיש קומט ייִדיש אין דער גראַדער ליניע פון דער ייִדישער געשיכטע. ייִדן האָבן גערעדט אַראַמיש און אויף דעם לשון געשאַפן גאָר וויכטיקע ווערק, געננוג צו דערמאָנען דעם חובת־הלבבות, כוזרי און מורה נבוכים, אָבער די ווערק האָבן מיר געדאַרפט צוריקבערענגען. ברענגט מען נישט אַלץ צוריק, איז אונדז פאַרלאָרן געגאַנגען גאָר אַ גרויסער טייל פון די ייִדישע שאַפונגען אויף פרעמדע לשונות.

אָבער ווי אַראַמיש, אַזוי איז ייִדיש אונדז נישט קיין פרעמד לשון, נאָר אַן אייגענע שפּראַך. די ייִדישע שאַפונגען אויף ייִדיש דאַרף מען נישט צוריקברענגען אין פאָלקס־אוצר אַריין. זיי ליגן שוין דאָרטן, זיי זענען פון מקור קיין מאָל נישט אַוועק.

ווי פריער אַראַמיש אַזוי איז ייִדיש פון אָנהויב אָן געווען אַ פּועל־יוצא, אַ רעזולטאַט פון ייִדישקייט. ייִדיש איז נישט די ערשטע שפּראַך אויף וועלכער מיר האָבן אין אָנהויב נאָר גערעדט און אויף וועלכער מיר האָבן דערנאָך געשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס איז אונדז איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן און איינגעזאַפּט געוואָרן אין אונדזער גייסט. ייִדיש איז נישט דאָס ערשטע כלומרשט פרעמד לשון, וואָס מיר האָבן אַדאַפּטירט, איבערדערצויגן, ליב באַקומען מיטן גאַנצן האַרצן און אים געגעבן אַן אָרט אין דער מזרח־וואַנט. מיר האָבן עס שוין אַ מאָל געטאָן מיט אַראַמיש אָדער תרגום־לשון.

וואָס מער אַראַמיש האָט זיך פאַרשפּרייט אַלץ טיפער איז זי אַריינגעדרונגען אינעם לעבן און שאַפן פון פאָלק. די שפּראַך, וואָס מען האָט גערופן „לשון הדיוט", האָט זיך גערוקט אַלץ העכער

און העכער, ביז זי איז אַרויף אויף דער בימה און האָט פאַרנומען אַן אָרט אין אָרון־הקודש. נאָך דער פלוגתא צווישן די תנאים איז געוואָרן אַ מצווה צו זאָגן „שנים מקרא ואחד תרגום״, און שפּעטער האָט מען דערקלערט, אַז צום ערשטן מאָל איז די תורה געגעבן געוואָרן דעם פאָלק אין לשון־קודש; נאָך אַ מאָל איז זי אים געגעבן געוואָרן אין די טעג פון עזרא אין דער אַשורישער שריפט און אין דער „אַראַמישער שפּראַך״ (סנהדרין כא, א). שיער נישט אַ צווייטער מתן־תורה! און רב גייט אַזוי ווייט, אַז ער זאָגט: אדם הראשון האָט שוין גערעדט אַראַמיש (דאָרט לה, ב). דאָס קלינגט אפשר ווי אַ מדרש־אגדה, אָבער אַלע ווייסן, אַז נאָך אין דער צייט פון בית־שני איז דאָס אַראַמישע ייִדיש געוואָרן ביסלעכווייז די אָפיציעלע שפּראַך פון די ישיבות. אפילו טיילן פון תנך זענען געשריבן געוואָרן אויף דעם ייִדיש פון יענער צייט. די הייליקע תפילה „קדיש״ האָט מען געזאָגט אויף דער פאָלקסשפּראַך, שוין אָפּגערעדט פון דעם גרויסן אָקעאַנישן תלמוד.

און ווי אַראַמיש, אַזוי האָבן ייִדן פאַרשפּרייט ייִדיש־טייטש אין אַזעלכע מדינות וווּ עס איז נישט געווען קיין סימן פון אַ דייטש. און זע — אַ וווּנדער! אַראַמיש האָט אַ דאַנק ייִדן איבער־געלעבט די אַראַמייער אַליין. פון זיי איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן, אָבער אין ייִדישע חדרים און ישיבות, קלויזן און בתי־מדרשים הערן זיך עד־היום די קלאַנגען פון יענעם לשון. עד־היום ווערן ביי אונדז געשריבן ספרים אויף אָט דעם אַלטן ייִדיש. די עצם העברעיִשע שפּראַך, די ניי־אויפגעלעבטע, ווערט באַפרוכפּערט פון דעם פאַרצייטיקן ייִדיש, דעם אַראַמישן לשון, נישט ווייניקער ווי פון דעם היינטיקן אַשכנזישן, וועלכן אויך ספרדישע, אָריענ־טאַלישע ייִדן לערנען.

אַראַמיש איז געבליבן לעבן ווי אַ ליטעראַטור־שפּראַך לאַנג נאָך דעם ווי זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַ שפּראַך וואָס מען האָט גערעדט. זי איז אַזוי צונויפגעגאָסן געוואָרן מיט לשון־קודש ביז זי איז אַליין געוואָרן — לשון־קודש...

תרגום־לשון און יִידיש

אייניקע פון די אַלטע יִידישע מחברים האָבן זיך סומך געווען אויף דער מסורה, אויף דער טראַדיציע פון אַראַמיש, ווען זיי האָבן געמאָנט די רעכט פון „טייטש״ אָדער יִידיש, ווי זיי האָבן עס דעמאָלט גערופן „יִידיש־טייטש״, ווי עס האָבן זיך דעמאָלט גערופן אַשכנזים די יִידן גופא, וואָס האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד. אַזוי צום ביישפּיל לייענען מיר אין אַן אַנאָנימער געגראַמטער יִידישער פּאַראַפראַזע פון ר׳ יונה גערונדי׳ס „ספר היראה״ (אויף יִידי״ש „חיי עולם״, פרייבורג 1853):

„האָסטו ניט איין תּרתּגום, צו איינעם מאָל דייטש / זאָלסטו זיין בערייט / און דאָס טראָפּ אַז (אלס) די תורה קליידט״.
(לויט דר. מאַקס גרינבוימס „אידיש־דויטשע כרעסטאָמאַטיע״, ז. 4 263).

און אַ בן־דור פון ר׳ יונה החסיד, ר׳ יהודה בר׳ בנימין, דערקלערט בפירוש אַז דערפאַר קען „טייטש״ פאַרבייטן תרגום, ווייל „הלעז שלנו הוא התרגום שלהם״ (זע, י. צינבערג, פילאָלאָגישע שריפטן 2, ז. 8).

אַז מען האָט געהייסן שרייבן ספרים אויף דער פאָלקסשפּראַך און נישט דווקא „לייכטערע זאַכן״ „פאַר ווייבער און עם־הארצים״, נאָר בפירוש הארבע חיבורים, איז גענוג צו ברענגען פון דער הקדמה צו דער יִידישער איבערזעצונג פון ר׳ משה פראַנקפורט, אין יאָר 1722, צום „מנורת המאור״, וועלכער טענהט צו יענע וואָס מיינען, „דאָס עס ניט רעכט געטאָן ווערט, דאָס מען זאָל זאָלכע ספרים אין לשון אַשכנז שרייבט, און דאָס מען זאָל איטליכען מגלה איז די זאַכן, וואָס אין מדרשים און גמרא שטייען״, און ער ווייזט אָן, אַז דאָס „איינסט (אַ מאָל) אַלע אונדזערע ספרים די צום הארבסטען און שווערסטען זיין (זענען) צו לערנען, זיין (זענען) גאָר ווייניג אין לשון־הקודש געמאַכט געוואָרען, נייערט אין דאָס לשון, וואָס דער געמיינער מאַן גערעדט האָט. פאַרערשט דער תלמוד ירושלמי איז געמאַכט אין דאָס לשון, וואָס מאַנען,

ווייבער, קינדער אין ארץ־ישראל גערעדט האָבן און ניט אין לשון־הקודש. אויך אונזער גמרא, וועלכע געהייסן ווערט תלמוד בבלי, איז גאָר פיל דערינען״.

דאָס דאָזיקע רעכט האָבן פאַרלאַנגט און פאַרווירקלעכט צענדליקער און הונדערטער אַנדערע מחברים און איבערזעצערס. אין פאַרלויף פון די לעצטע זיבן־אַכט הונדערט יאָר זענען אויף אונדזער פאָלקסשפּראַך געשאַפן געוואָרן אַן אַ שיעור ספרים.

אַ מהלך פון טויזנט יאָר!

לשון ייִדיש איז אַלט לערך טויזנט יאָר, און עס איז שוין גענוג געשריבן געוואָרן וועגן איר געשיכטע און צייט־גילגולים (זע די ווערק פון ווינער, מיזיש, פּרילוצקי, בירנבוים און אַנדערע). מען שטעלט פעסט פיר תקופות: א. ביז אַן ערך 1250. ב. אַלט־ייִדיש — אַן ערך 1250—1500. ג. מיטל־ייִדיש 1500 ביז 1700 און ד. ניי ייִדיש — ביז היינט.

סיי די רבנישע שו״ת (שאלות און תשובות)־ליטעראַטור און סיי די חידושים און שקלא־וטריהס (וואָג און האַנדל) זינט דעם 16־טן יאָרהונדערט זענען טיילווייז געשריבן אין ייִדיש. דאָס איז אַ ייִדיש וואָס האָט אַריינגעבראַכט און אַריינגעשמאָלצן העברעיִש־אַראַמישע ווערטער און זאַצן, וועלכע זענען אָרגאַניש פאַרוועבט געוואָרן מיט דער גערעדטער שפּראַך. אָבער ייִדיש האָט ערשט אויפגעלעבט מיטן אויפקום פון דער מעכטיקער חסידות־באַוועגונג, פונעם בעל־שם־טוב ביז דעם בראַסלאַווערס מעשיות און ר׳ לוי יצחקס פאָלקישע טענות־געזאַנגען צום „פאָטער אין הימל״ („אבינו שבשמים״), ביז די חבדישע תורות פון נשיא פון וועלט־חב״ד ר׳ מנחם מענדל אין ברוקלין. אָבער אויך ביי די ליטווישע מתנגדים, פונעם ווילנער גאון ר׳ אליהו ביז דער פּאַניוועזשער ישיבה אין בני־ברק (אין זיין באַרימטער צוואה הייסט דער גאון זיינע טעכטער לייענען ספרים אין ייִדיש).

ר׳ נחמן בראַסלאַווער און זיינע „סיפּורי מעשיות״

ניטאָ קיין שענערער קינסטלערישער ייִחוס־בריוו פאַר דער ייִדישער (אויך מאָדערנער) ליטעראַטור ווי די ייִדישע פאָלק־אוצרות פון חסידיזם. לאָמיר אין קורצן דערמאָנען די צוויי ייִדישע גרונט־ווערק פון דער חסידישער ליטעראַטור. „**שבחי הבעש״ט**״ און ר׳ נחמנס „**סיפּורי מעשיות**״, וואָס בלענדן און כּישופן עד־היום דיכטערס און פּראָזאַיקערס, טעאַטראַלן און מאָלערס.

„שבחי הבעש״ט״ — די װוּנדער־מעשיות וועגן לעבן פון באַגרינדער פון חסידות, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, זענען דערשינען צום ערשטן מאָל אין 1815, און זענען ביז היינט אַרויס אין זעקס צענדליק אויפלאַגעס. לויט יוסף פּערלס עדות־זאָגן איז דער „שבחי הבעש״ט״ אין די ערשטע צוויי יאָר נאָך זיין דערשיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין צען טויזנט עקזעמפּלאַרן.

די דאָזיקע קלענערע און גרעסערע אַנעקדאָטישע וווּנדער־דערציילונגען און לעגענדעס וועגן בעל־שם־טוב האָבן צו ערשט צירקולירט מינדלעך אָדער אין כּתב־יד פון זינט זיין דערשיינונג און נאָך דעם געוואָרן קלאַסיש אין דער ספרים־וועלט.

דעם בעל־שמס אוראייניקל, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, האָט אָנגעהויבן דערציילן זיינע מעשיות אין יאָר 1806. די סיפּורים זענען נאָך זיין פּטירה געזאַמלט און פאַרצייכנט געוואָרן דורך זיין תּלמיד, ר׳ נתן שטערנהאַרץ, אין ייִדיש, ווי ער אַליין זאָגט אין זיין הקדמה: „בדיוק אין דאָס לשון וואָס אדמו״ר האָט אין זיי גערעדט״. וועגן ר׳ נחמן דעם וווּנדער־דערציילער איז שוין געשאַפן געוואָרן אַ גאַנצע ליטעראַטור. מען וואָלט געקאָנט ציטירן הונדער־טער ווערק און עסייען וועגן דעם בראַסלאַווערס סימבאָלישקייט, וועגן זיין פילאָסאָפישן, פּסיכאָלאָגישן און עקזיסטענציאַליסטישן אינהאַלט, וועגן זיין אַוועקשטעלן די אמונה קעגן ראַציאָנאַליזם, קעגן סקעפּסיס, וועגן זיין לירישער עקזאַלטאַציע, וועגן זיין „אַבסורד״־טעאָריע און דער טיפער פּסיכאָלאָגיזירנדיקער מאָראַל, וואָס שטעלט זיך קעגן געלט־גייציקייט און מלחמות. מען האָלט

ר׳ נחמן בראַסלאַווער פאַר דעם פּאַראַויסלויפער פון וועלט באַרימטן פראַנץ קאַפקאַ און פון דער אַלעגאַריש־מעשהדיקער ליטעראַטור פון די מאָדערנסטע ליטעראַטן. וויכטיק איז אָבער אונטערצושטרייכן, אַפילו ווען מיר לאָזן אַרויס זיינע טעאָלאָגישע און משיחישע וויזיעס און זיין ווונדערלעכן פּייזאַזש, אַז זיין וואָרט־געמעל, אַז זיין ייִדיש־לשון שטייגן איבער די סימבאָלישקייט. דאָס איז אַ ייִדיש פון וועלכן מען קאָן קיין איין וואָרט נישט אַרויסנעמען, צו וועלכן מ׳קאָן קיין איין וואָרט נישט צוגעבן. דער בראַסלאַווער האָט געהאַט עפּעס אַן אייגענעם כעמישן סוד, וואָס האָט צונויפגעגאָסן דעם לירישן, עפּישן און דראַמאַטישן דיאַלאָגישן עלעמענט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ווונדער־דערציילערס און די גרעסטע וואָרט־קינסטלערס. ציטאַטן זענען איבעריק. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז וואָס זיין דערציילן אין ייִדיש, זיין שטייגערישער שפּראַכסטיל איז געוואָרן ביי הונדערטער טויזנטער חסידים אַ ריטואַל. זיי לייענען און לערנען עד־היום זיינע סיפּורי מעשיות אַזוי ווי זיי זענען אַרויסגעקומען פון „זיין הייליקן מויל״, ווי זיין תּלמיד און סופר ר׳ נתן האָט זיי פאַרשריבן.

פון ייִדיש־לשון האָבן ר׳ נחמן און ר׳ נתן געמאַכט **ייִדיש־קודש**.

עס איז אפשר פּאַסיק צו פאַרענדיקן די קורצע נאָטיצן וועגן ר׳ נחמנס „סיפּורי מעשיות״ מיט אַ סטראָפע פון סעקולאַרן פאָלקס־דיכטער, דער „זינג־פויגל״ פון ייִדיש, ביים לייענען די מעשה פון די „זיבן בעטלער״:

„זיבן בעטלער. פאַרענדיק די מעשה!
מיר זענען די לעצטע הערער.
אַזוי פיל ייִדן האָבן זיך נישט דערוואַרט. — —
מיר וואַרטן, דערצייל, טאָמער ווערט צו שפּעט,
ווער וועלן זיין די הערער?״
(איציק מאַנגער)

אַ שאָד, וואָס דער „זינגער־טרובאַדור״ האָט נישט געלייענט אָדער „נישט דערהערט״ אַ שורה אין ר׳ נחמנס ספרים: „גוואַלד ייִדן, זייט זיך נישט מייאש״.

ס'איז נישט „צו שפעט". עס וועט זיין ייִדיש, עס וועלן זיין צוהערערס און לייענערס פון ר' נחמנס ייִדיש־מעשיות.

די רייכע חסידישע ליטעראַטור אין ייִדיש, פון „שבחי הבעש"ט" און ר' נחמנס „סיפּורי מעשיות", און אויך ביז די אויף ייִדיש געשריבענע ספרים פון די לעצטע גאוני־און צדיקי־הדור, דער **חפץ־חיים** און **הרב קוק** (זע זיינע ייִדישע בריוו און אויפרופן), ניטאָ פאַר זיי קיין פּאַסיקערע פאָרמולע ווי די פון דער רעליגיעזער פרויען־אָרגאַניזאַציע „בנות אגודת ישראל", צוויי יאָר פאַר דער שואה אין וואַרשע, אויפן קאָנגרעס אין 1937:

„די ייִדישע שפּראַך איז אַ לשון, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן אין גלות, אויסגיסנדיק אין איר דעם גאַנצן פאָלקסטימלעכן חן. די דאָזיקע שפּראַך איז געוואָרן דער אויסדרוק פון דער ייִדישער נשמה, פון די ייִדישע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען, פון ייִדישע ליידן און פריידן. יעדע גרינגשעצונג פון אָט־דעם פאָלקסטימלעכן לשון איז אַ גרינגשעצונג פון אונדזער גאַנצער רומפולער פאַר־גאַנגנהייט, אין וועלכער ס'האָט זיך אויסגעפורעמט די צורה פון ייִדישקייט".

פון דור צו דור האָט ייִדישקייט זיך געגאָסן אין דער פאָרם פון ייִדיש לשון.

ב.

פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

הרב אליעזר סילווער ז״ל

פרעזידענט פון אגודת הרבנים

יִדיש — אַ מויער

איך האָב האָלט מיין פאָלק און טייער זענען מיר זיינע מנהגים, זיינע זיטן, בין באַגייסטערט פון יעדער זאַך וואָס איז ספּעציפיש יִדיש.

די יִדישע שפּראַך איז מיר ספּעציעל ליב און טייער. מיר דוכט זיך אין יעדן וואָרט און אויסדרוק הער איך יִדישן כאַראַקטער, אין יעדער תנועה — אונדזער היסטאָרישן צער, איבערגעגעבנקייט צו אונדזער פאָלק, צו אונדזער אמונה. איך שעפּ יִדישן תענוג פון יעדן אויסדרוק. נאָר אין יִדיש הער איך דעם טיפזיניקן און איראָנישן יִדישן וויץ, דעם יִדישן קלוגן שאַרפזין, געמישט מיט הומאָר און אינטימלעכקייט.

די שפּראַך אַנטהאַלט אַ טייל פון דעם יִדישן לעבן, יִדישע חכמה און תורה. זי איז אַ צווילינג מיט אונדזער פאָלק. איך קען זיי נישט פאַנאַנדערטיילן, זי איז דורכגעקנאָטען מיט אונדזער אמונה, מיט ליבע צו אונדזער פאַרגאַנגענהייט.

העסלעך קוקן מיר אויס די מאָדערנע צדוקים מיט זייער שקלאַפּישער באַנעמונג צו אַלץ וואָס שמעקט יִדיש. איך האָס זייער מה־יפיתדיקע שנאה צו דער יִדישער שפּראַך. זייער עם־הארצות־דיקע אינקוויזיציע און רדיפה אויף יִדיש מאַכט מיר די שפּראַך פיל טייערער און ליבער.

לשון־קודש איז דער היכל־הקודש און יִדיש איז די חומה אַרום אונדזער עיר־הקודש, אָן היכל ח״ו איז די חומה גאָרנישט ווערט. אָבער די חומה איז זייער נויטיק. וואָס לענגער יִדיש וועט אָנהאַלטן ביי יִדן, אַלץ פעסטער וועלן זיין די פעדעם, וואָס פאַרבינדן די יִדן פון פאַרשידענע לענדער און אַלץ שטאַרקער

וועט אָנהאַלטען דער צובונד צו די ייִדישע רייכטימער, צו ייִדישער אמונה און חכמת־ישראל.

ייִדישע יונגע־לייט, נאַציאָנאַלע און פרומע, דאַרפן זען צו פאַרשטאַרקן צוזאַמען מיט דעם היכל אויף די חומה, צוזאַמען מיט לשון־קודש אויף די ייִדישע שפּראַך.

יאַנג איזראַעל איז־ווערט אַ יישר־כוח פאַר דער אַרבעט וואָס זיי פאַנגען אָן. אין זייערע שולן און קלובען דאַרפן זיי זען צו פאַרשפּרייטן צוזאַמען מיט לשון־קודש אויף די ייִדישע שפּראַך בכל מקום שאפשר און איך שיק זיי מיין טיפסטן דאַנק און ברכה.

פראָפעסאָר אברהם יהושע העשל ז״ל

אַ מחיה צו רעדן ייִדיש!

די מזרח־אייראָפּעישע ייִדן באַשאַפן אַן אייגן לשון, געבוירן פון אַ רצון מסביר צו זיין, צו פאַראייניפאַכן און פאַרטייטשן די גוואַלדיקע קאָמפּלעקטן פון לשון־הקודש, פון תנ״ך און גמרא. אַנטשטייט פון זיך אַליין אַ מאַמע־לשון, אַ „שוה לכל נפש״, אַ שפּראַך אָן צערעמאָניעס און אָן קונצן, אַ שפּראַך אויף וועלכער „עס רעדט זיך״. ניטאָ אין איר קיין פאַרפּלאָנטערטע וועגן, קיין געפערלעכע גריבער. זי איז פול מיט צערטלעכקייט, אהבה, מיט פּשטות און האַרציקייט פון גוטע מאַמעס. עס האָט זיך אין איר אַריינגעגאָסן אַ סך זאַפט פון דער ייִדישער נשמה. מ׳זאָגט אין איר שיינקייט און מיינען מיינט מען גייסטיקט („אַ שיינער ייִד״). מ׳זאָגט אין איר גוטסקייט און מיינען מיינט מען היילקייט („אַ גוטער ייִד״). אויף וועלכן לשון רעדט זיך אַזוי פּראָסט און פּשוט? אויף וועלכן לשון קאָן מען אַזוי שווער זאָגן אַ ליגן?

רעדט טאָקע ר׳ נחמן בראַסלאַווער זיך אויס דאָס האַרץ אויף טייטש פאַר השם יתברך מיט אַלערליי טענות.

— — אויף ייִדיש איז ייִדישקייט נישט נאָר אמת, ערדישקייט איז אַ מחיה. די מאָנומענטאַלע אינטעלקטואַלע מלכותדיקייט וואָס קלינגט אין די פייערלעכע ווערטער „שמע ישראל״ הייסט אויף ייִדיש, אויפן לשון פון האַרצן: „עס איז אַ מחיה צו זיין אַ ייִד!״

ווו איז נאָך פאַראַן אַ פאָלק, וואָס זיין פּאָפּולערסט ליד, זיין וויגליד איז: „תורה איז די בעסטע סחורה?״

(„דער מזרח־אייראָפּעישער ייִד״, שאָקען פאַרלאַג 1946)

ש״י עגנון ז״ל

„האָב געשריבן בלשון ייִדיש״

פונעם מחבר *

אויך ביי מיין וויגעלע האָט מען געזונגען:

אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטייט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע,
דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
דאָס איז דאָך די בעסטע סחורה —
שמואלטשע זאָל לערנען תורה;
תורה וועט ער לערנען, ספרים וועט ער שרייבן,
אַ גוט און פרום ייִדעלע וועט ער תמיד בלייבן.

גוט און פרום בין איך ליידער נישט געבליבן, אָבער תורה האָב איך געלערנט ווי אַלע ייִדישע קינדערלעך. ספרים האָב איך ב״ה אויך געשריבן.

ס׳ווערט געבראַכט אין „ספר חסידים״ סימן תק״ל: „(ישעיה מ׳ י״ג), ,מי תכן את רוח ה׳, כי הקב״ה גוזר מי יהיה חכם ומה חכמתו וכמה שנים וכמה ספרים יעשה, יש שגוזר עליו שעושה ספר אחד או שנים און שלשה... וכל מי שגילה לו הקב״ה דבר ואינו כותבו ויכול לכתוב, הרי גוזל מי שגילה לו, כי לא גילה לו אלא לכתוב, דכתיב (תהילים כ״ה י״ד) ,סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם׳, וכתיב (משלי ה׳ ט״ז) ,יפוצו מעינותיך חוצה׳ וזה שכתוב (קהלת י״ב י״ד) ,יביא במשפט על כל נעלם׳ ״. (ס׳הייסט: „(ישעיה מ׳ י״ג) ,ווער האָט אָנגעברייט דעם רוח־הקודש אין דעם מויל פון די נביאים׳, וואָרעם דער אייבערשטער איז גוזר ווער

* הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע פון „אַ פשוטע מעשה״ (פאַרלאַג „דער קוואַל״, ניו־יאָרק, תשי״ח—1958).

עס זאָל זיין אַ חכם און אין וואָס זיין חכמה זאָל באַשטיין, און וויפל יאָרן ער זאָל לעבן און וויפל ספרים ער זאָל מאַכן; פאַראַן אַז ער איז גוזר אויף עמעצן, ער זאָל מאַכן איין ספר, אָדער צוויי, אָדער דריי... און דער יעניקער וואָס דער אייבערשטער האָט אים עפּעס מגלה געווען און ער שרייבט עס נישט אָן, כאָטש ער קען עס אָנשרייבן, באַגזלט ער דעם וואָס האָט עס אים מגלה געווען, וואָרעם ער האָט עס אים מגלה געווען נאָר כדי אָנצושרייבן עס, ווייל עס שטייט (תהילים כ״ה י״ד) „סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם״, גאָטס סוד אַנטפּלעקט גאָט צו זיינע פאָרכטיקע, און זיין תורה, וואָס זי איז [גע]וואָרן געגעבן מיט איין כריתות ברית, זעט ער צו מודיע צו זיין זיי׳, און עס שטייט (משלי ה׳ ט״ז) „יפוצו מעינותיך חוצה״, דיין קוואַל ברונען וועלן צעשפּרייט ווערן אויף דער גאַס׳, און דאָס מיינט דער פּסוק (קהלת י״ב י״ד) „כי את כל מעשה האלהים יביא במשפט על כל נעלם״, ער וועט ברענגען פאַר אַ משפט איבער אַלעם פאַרהוילענעם׳ ״).

פאַרשטייט זיך אַז פון דעם אייבערשטנס אַ גזירה קען זיך קיינער נישט אַרויסדרייען, אַזוי אַז איך האָב אויך געשריבן כמה וכמה ספרים. נישט אַלע ספרים האָבן זוכה געווען צו זען די ליכטיקע שיין. אַ גרויסער ראָמאַן פון אַ זעכציק בויגן — „בצרור החיים״ — וואָס זיין דערשיינען איז שוין געווען אָנגעמאָלדן אין דער „התקופה״, כרך ד׳, איז פאַרברענט געוואָרן, און צוזאַמען מיט אים האָט דאָס פייער פאַרלענדט כמה סיפּורים און שירים און צוויי דראַמעס און נאָך זאַכן, כגון שטיקלעך פון מיינעם אַ טאָגבוך. דאָס אַלץ איז אַוועק מיטן רויך אין דער שריפה אין מיין דירה אין דייטשלאַנד — אין באַד האַמבורג ביי פראַנקפורט, פאַר שבועות תרפ״ד. ווי אַזוי די שריפה איז אויסגעבראָכן, דאָס האָב איך שוין מרמז געווען אין מיין סיפּור „פת שלימה״.

אַחוץ די ספרים הנשרפים איז אויך אַ סך פון מיינע כתבים געגאַנגען לאיבוד אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. וואָרעם אַז איך בין אַוועק פון דעם היים, האָב איך איבערגעלאָזט אויף הפקר אַ פולע שטוב מיט כתבים. מיינט איר, אַז איך זאָג אַ גוזמא? זאָג איך אייך: אַ פולע שטוב — פּשוטו כמשמעו. אַ ייִנגל איז אַ שוואַכער שומר.

פון די זאַכן מיינע, וואָס זענען אַרויס פאַר דער שריפה און נאָך דער שריפה, זענען פאַראַן ספרים, וואָס זענען פאַרטייטשט געוואָרן אויף כמה וכמה לשונות, אַ טייל פון זיי אויף לשונות, וואָס איך קען אַפילו נישט די צורת האותיות זייערע, אָבער אויף ייִדיש איז פון מיר ביז היינט נאָך נישט געדרוקט געוואָרן קיין שום חיבור. שלא בידיעתי האָבן געוויסע צייטונגען און זשורנאַלן פאַרטייטשט און געדרוקט כמה פון מיינע קלענערע סיפּורים, אָבער כנהוג האָבן זיי מיר אַפילו נישט אַריינגעשיקט קיין עקזעמפּלאַר.

מיט אַ פופציק יאָר צוריק, איידער איך האָב זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך געשריבן שירים און סיפּורים און כלערליי אַנדערע זאַכן בלשון ייִדיש. כמה מהם זענען געדרוקט. איצט בין איך נישט קיין גרויסער בריה אויף ייִדיש־שרייבן, אָבער פּאַר אַ שטיקל מבין האַלט איך מיך נאָך. מעג איך זאָגן, אַז מר **אליעזר רובינשטיין** האָט מיט חכמה און מיט חן פאַרטייטשט מיין „סיפור פשוט" און עס קומט אים דערפאַר אַ שטאַרקער יישר־כוח.

און אייך, ליבע לייענער און לייענערינס, וואָס איר לייענט מיין חיבור, קומט דער אמתער יישר־כוח צוליב דעם, וואָס אַז איר לייענט מיין חיבור, בין איך זיך מתקשר מיט כמה מנשמות ישראל. וואָס מער מען איז זיך מתקשר מיט ייִדן, איז דאָס אחדות־ישראל און דער כוח־ישראל זיך מתגבר, און אַז דער כוח־ישראל איז זיך מתגבר מכוח האחדות, איז עס שיין און גוט הן למטה והן למעלה. אמן כן יהי רצון.

עס וואָלט כדאַי געווען צו דערציילן, ווי אַזוי כ'האָב דעם דאָזיקן סיפּור געשריבן. טייל מאָל איז די געשיכטע פון אַ סיפּור שענער פונעם סיפּור גופא. און לענין דעם דאָזיקן סיפּור: עס האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ שטיק געזונט דאָס שרייבן אים, און יעדעס מאָל ווען איך בין אַריינגעקומען אין שרייבן און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט־אָט דערגרייך איך דעם אמתן אמת, האָט מען מיך מפסיק געווען. די לעצטע הפסקה איז געווען אין יאָר תרפ"ט, בעת די בלוטיקע געשעענישן. ערב שבת נחמו האָב איך שטייענדיק

אויף די פּיס געשריבן ממש פון פּרימאַרגן און איך האָב מרחיק געווען פון מיר כל דבר וואָס קען מיך שטערן אין דער אַרבעט. פּלוצלינג קומט מען און מען איז מיר מודיע, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַראַבישע אומרוען.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן, נישט איצטער געדאַכט, אַ נע־ונד זיין און אַנדערע צרות, און אויף צו להכעיס האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פונעם סיפור און כסדר געזען פאַר מיינע אויגן כלערליי בילדער פון דעם וואָס ס'ווערט אין אים געשילדערט. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין טיש צו שרייבן און קיין בענקל זיך אַנידערצוזעצן, און אַזוי האָב איך זיך מיאש געווען פון שרייבן און געקומען אויף מחשבות, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט שרייבן, למשל: וואָס וועט ווערן פון מיין ווייב און קינדער? און וואָס פונעם ישוב? און וואָס טאַקע פון מיר גופא? מיט וואָס וועט מען דעם טאָג איבערקומען?

השם יתברך האָט זיך אָבער מרחם געווען איבער מיר און נאָך אַ צייט האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין אַרבעט און האָב ממשיך געווען דעם סיפור.

דאָס איז אַ מעשה פון מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק. דערווייל איז דער „סיפור פשוט" געדרוקט געוואָרן כמה פעמים אויף לשון־קודש, אַצינד גייט ער אַרויס אויף ייִדיש. לייענט, ליבע ייִדן, און אויב איר וועט הנאה האָבן פון מיין סיפור, וועל איך אַוודאי הנאה האָבן. די גזירת הקב"ה ספרים צו שרייבן איז טאַקע אַ גזירה, אָבער זיין ליבער נאָמען איז אַ מאָל מטיב מיטן מחבר און שיקט אים צו אַ ליבן לייענער, איז דאָך דאָס אַוודאי אַ גרויסע שמחה פאַרן מחבר און אַ טובה פאַר זיין חיבור.

ירושלים ת"ו, יום ג' לסדר „וחיתה נפשי בגללך", תשי"ח

דער פאַרטייטש פון די פסוקים אין אָנהייב הקדמה איז לויט: עברי־טייטש על כל תנ"ך, מקראות גדולות, לובלין תרנ"ט.

ג.

פון אוצר ייִדיש

ש. ז. שזר ז"ל

ר' משה עשרים וארבע

אַ באַמערקונג צו דער שטודיע „דאָס שמואל־בוך"

אין זיין אַרבעט „דאָס שמואל־בוך", אַ ייִדישע פּאָעמע אין מיטלעלטער (צוקונפט, 1927), האָט מ. וויינרייך צעוואָרפן אַ בינטל טעותן וואָס זענען אָנגעהויפט געוואָרן אַרום דעם דאָזיקן ווערק, אָן שום ספק, איינס פון די עלטסטע ווערק אין דער ייִדיש־ליטעראַטור. וויינרייך האָט אויך געפּרוווט אויסקלאָרן די צייט ווען דאָס בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן. די דאָזיקע שטודיע איז אַ רעזומע פון אַ גרויסער שאַפונג, אויפן באַזיס פון כתב־יד. דער מחבר האָט אויך געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַ קריטישע אויפלאַגע פונעם טעקסט. אַזעלכע זאַכן זענען נישט קיין טאָג־טעגלעכע דערשיינונג אין דער פאָרשונג פון דער ייִדיש־ליטעראַטור. עס איז דעריבער נויטיק איינזאַמלען אַלע מינדסטע פּרטים בנוגע דעם ספר, איידער נאָך די נייע גאַנצע אויסגאַבע דערשיינט, כדי מיר זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן מיט נייע טעותן.

דער מחבר פרעגט: ווער האָט דאָס ווערק געשריבן און ווען? אין כתב־יד האַמבורג ווערט געזאָגט, אַז דער ספר איז „געשריבן" פון ליב רעגענסבורג, אָבער דאָס מיינט בלויז אַז ער האָט קאָפּירט דעם כתב־יד און נישט אַז ער איז זיין פאַרפאַסער. אין דעם זין נוצט מען דאָס וואָרט „שרייבער", וואָס מיינט „איבערשרייבער" אין נישט וויניק ספרים. אַ באַווייז אַז אין אַ אַנדער כתב־יד מיט וועלכן מ. וויינרייך האָט זיך באַנוצט ווערט ווי דער „שרייבער", וואָס מיינט דער „איבערשרייבער", דער קאָפּיסט, אָנגעגעבן איינער „זיינוועל דער שרייבער". דער מחבר פּרוּווט דעריבער אָנווייזן די צייט פון זיין פאַרפאַסונג אויפן גרונט פון די ראיות. אין ספר, וואָס איז געדרוקט אין יאָר 1854, זאָגט דער פאַרלעגער: „דעם ניגון

פון ספר שמואל, דען קאָן כל ישראל״ — מיינט עס אַז דער ספר איז שוין אַ צייט פריער געווען באַקאַנט, נאָך איידער ער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן. דער ליטעראַרישער זשאַנר פון „שמואל־בוך״ דערמאַנט אין „ליד פון די ניבעלונגען״, דייטשע מיטאַלאָגישע לידער, וואָס שטאַמען פון 13טן און 14־טן יאָרהונדערט, און איז שפּעטער אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך די הילדעבראַנד־געזאַנגען. און צוליב דעם וואָס אין די יאָרן 1348—1349 האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף די עסטרייכישע און דרום־דייטשע יִידן גזירות, איז שווער זיך משער צו זיין אַז נאָך די שווערע יאָרן האָבן יִידן געשאַפן אַזאַ ווערק. דעריבער קומט דער מחבר צום אויספיר, אַז דער „ספר שמואל״ שטאַמט פון אָנהויב 14טן יאָרהונדערט. און זיין עלטער איז אַן ערך זעקס הונדערט יאָר.

אין פאַריזער כתב־יד האָט דער מחבר אַנטדעקט אַ שורה, וואָס דערציילט נישט נאָר ווער דער „איבערשרייבער״ איז, נאָך אויך ווער ס׳איז דער פאַרפאַסער. נאָך דעם ווי עס ווערט דערציילט אַז דער „שרייבער״ הייסט זיינוועל, ווערט געזאָגט: „משה עשרים וארבע הייס איך / מיינע הענט האָבן דאָס בוך געמאַכט״. וויינרייך אונטערשיידט דעריבער צווישן דער ידיעה וועגן משה עשרים וארבע, און וועגן די ידיעות וועגן דעם שרייבער זיינוועל, אָבער אין פאַרלויף פון דער פאָרשונג איז נישט קלאָר, צי יענער משה עשרים וארבע איז דער מחבר. יעדנפאַלס וייסן מיר גאָרנישט וועגן דער צייט און אָרט ווו ער האָט געלעבט (צוקונפט, זז. 283).

די השערות אויף וועלכע מ. וויינרייך באַזירט זיין אויספיר זענען ווייטגייענדיקע און קענען באמת האָבן אַן איבערוועגנדיקע השפעה אויף אונדזערע באַגריפן וועגן דער אַנטוויקלונג פון יִידיש. כדי דער מחבר זאָל ביים סוף פאַרצייכענען דאָס יאָר 1544 אַז „דעם ניגון פון ספר שמואל ווייסט יעדער ייִד״, אין כלל נישט נויטיק אַז דער ניגון זאָל זיך האָבן געצויגן דווקא צוויי הונדערט יאָר. גענוג פעסטצושטעלן אַז דער ניגון האָט זיך געצויגן איין דור. דער אמת איז, אַז אונדזערע עלטערן האָבן זיך באַנוצט מיט נישט־יִידישע ווערק פאַר זייערע יִידישע חיבורים. אָבער עס איז איבערטריבן טריט

נאָך טריט נאָכצופאָלגן דעם געוויינלעכן זשאַנר פון דער דייטשער ליטעראַטור, כדי נישט אָפּצונויגן חלילה פון דער מאָדערנער מאָדע, באַזונדערס ווען מיר ווייסן אַז „דאָס ליד פון ניבעלונגען" האָט געווירקט צווישן די דייטשן אַ סך יאָרן נאָך דעם ווי עס איז „אַרויס־געשטויסן" געוואָרן דורך דער הילדעבראַנד־פּאָעזיע. און די ראיה פון די גזירות פון 138—1349 איז נישט קיין באַווייז. צרות האָבן נישט געפעלט און האָבן נישט געשטערט צו שאַפן ווערק.

דער מחבר מאַכט בפירוש אַ טעות ווען ער שרייבט, אַז „אַפילו ווען מיר האַלטן אַז יענער משה עשרים וארבע... איז דער מחבר, ווייסן מיר גאָרנישט וועגן צייט און אָרט אין וועלכע ער האָט געלעבט". ר' משה עשרים וארבע איז אַבסאָלוט נישט קיין אַנאָנים אין דער ייִדישער געשיכטע, און מיר ווייסן סיי די צייט און סיי דאָס אָרט אין וועלכע ער האָט געלעבט.*

ר' משה עשרים וארבע איז געווען איינער פון די ערשטע משולחים פון ארץ ישראל, וואָס האָבן געוואַנגלט אויף דער וועלט צו זאַמלען נדבות פאַר ירושלים. ווען ער איז געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּל, האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין דער גרויסער מחלוקת צווישן ר' משה קאפסאלי און ר' יוסף קולין, דעם רב פון קאָנסטאַנטינאָפּל. דער היסטאָריקער ר' אליהו קאפסאלי, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון זיין קרוב, דעם רב פון קאָנסטאַנטינאָפּל, שרייבט בזה הלשון: „און עס איז צוגעשטאַנען צו זיי אַן אַשכנזישער רב, וואָס רופט זיך ר' משה עשרים וארבע, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אין די עשרים וארבע... און ווייל מען האָט דעמאָלט געשיקט דעם עשרים וארבע צו זאַמלען געלט אין די קהלות פאַר ירושלימער ייִדן, און ער איז געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּל נאָך הילף... און ס'איז דעמאָלט געווען אַ קריג צווישן מצרים און טערקיי..." פון

---

* זע וועגן אים: לקוטים מס' רבי אליהו, לר' אליהו קפסאלי, פאַדובה, תרכ"ט, עמ' 13; תולדות חכמי ישראל לקלמן שולמאַן, חלק ד', ווילנא, תרל"ט, עמ' 125 ואילך; דברי ימי ישראל בתוגרמא, לשלמה רואניס, הוסיאטין תרס"א, כרך א, עמ' 43, וגרץ, תולדות (בגרמנית), כרך 8, עמ' 283 ואילך והערה 7 (גרץ—שפ"ר, כרך 6).

דעם פֿאַקט לערנען מיר די צייט אין וועלכער ר׳ משה עשרים וארבע האָט געלעבט, ווייל גרעץ ברענגט די ציטאַטע אין זיין געשיכטע (באַנד 8, באַמערקונג 7).

די סאַטירישע באַמערקונג פֿון ר׳ אליהו קאַספּאלי, אַז דערפֿאַר טראָגט ר׳ משה דעם נאָמען עשרים וארבע, ווייל ער האָט מער נישט געקאָנט ווי די פֿיר און צוואַנציק קאַפּיטלער פֿון תנ״ך, איז בלויז אַן ענין פֿון פּאָלעמיק, און גרעץ אַליין צווייפֿלט אין איר אמת. קאַפּסאַלי האָט געוואָלט פֿאַרמינערן די געשטאַלט פֿון דעם מענטשן, און ער אַליין דערציילט אַז ר׳ משה איז געווען אַ דרשן און דער צונאָמען „עשרים וארבע״ איז נישט קיין באַליידיקונג. דוד פֿרענקל באַווייזט אַז ר׳ משה אַליין פֿלעגט זיך אונטערשרייבן: „אני הקטן משה עשרים וארבע״. קאָן זיין אַז דער נאָמען באַווייזט אַז ר׳ משה אין באַרימט געווען ווי אַ מענטש וואָס איז באַהאַוונט אין דער ביבל.

ס׳איז דעריבער ריכטיק אַז דער פּאַריזער כתב־יד וואַרפֿט אַ באַזונדער ליכט אויף דער געשטאַלט פֿון ר׳ משה עשרים וארבע און אַז די צייט פֿון זיין חיבור דאַרף מען זוכן אינעם לעצטן פֿערטל פֿונעם פֿופֿצנטן יאָרהונדערט.

ש״י עגנון ז״ל

פון זיינע יִדישע דערציילונגען. „משה חקרן״ *

— 1 —

— ר׳ משה, אַיאַ איר זענט אַ ציוניסט? איר לעזט דאָך דאָס טאָגבלאַט?

— וואָס איז שייך? איך לעז ביידע טאָגבלאַטן, און דערנאָך מעג איך נישט זיין אַ ציוניסט. אַדרבא, וואָס מער איך לעז, מער הייב איך אָן צו האַלטן מיט ארץ־ישראל, און ווייניקער ציוניסט.

— וואָס הייסט?

— וואָס טייטש וואָס הייסט? קערן זיך דען די ציוניסטן אָן מיט ציון? זיי קערן זיך אָן מיט דעם טערק. דערווייל מעג ציון אויסגעריסן ווערן, גייט עס זיי נישט אָן. ס׳איז גענוג פאַר זיי וואָס דער טערק גיט אָנצושמעקן אַז מ׳וועט אַ מאָל נעמען ירושה, האָבן זיי דערווייל צייט צו האַלטן די הענט אין די קעשענעס, צו קוקן, צו וואַרטן. נו, נו, צו קוקן איז דאַ אַ סך אויף דעם עולם, און דער טערק לאָזט אויף זיך קיין מעשה נישט וואַרטן. קענען זיי זיך דערווייל כאַפּן אַ געשמאַקן דרימל און פילן אַפילו נישט ווי די קליינע ווייסע חברה נעמען אַראָפּ פון זייער קאָפּ דאָס געבלימטע טערקישע יאַרמלקעלע, און טוען אַרויף אַ פּשוטע רויטע קופּקע אַלאַ דאַשינסקי... יאָ, יאָ, אַז מ׳שלאָפט דערשלאָפט מען זיך.

— און איר, ר׳ משה, איר האַלט אַ פּנים פון דער קאָלאָניזאַציע?

— קאָלאָניזאַציע שמאַציע! וואָס מיינט איר? מיט דער לאָפּעטע ווילט איר שוין אַראָפּברענגען משיחן? שיינע משיחס צייטן קען דאָס זיין אַז איך, משה, וועל אויף דער עלטער מוזן האַלטן אַ גראַבליע מיט אַ סערפּ, מיר אָנגורטן מיינע לענדן, און אומגיין פּוסטעפּאַס,

* יִדישע ווערק, „קאָמיטעט פאַר יִדישער קולטור״ אין ישראל, תשל״ז.

פונקט ווי איוואַן מיט סטעפּאַן וואָס קוקן קיין ספר נישט אָן, נאָר איך וועל מיר שטיין און אַקערן און שניידן און סאַפּען און קאָסען, און מער גאָרנישט טון, האַ? כ׳פרעג אייך אַליין, איז דאָס אַ תּכלית? איך פאַרשטיי נאָר נישט ווען דעם עולם האָט צייט צו דעם אַלעמען. זאָגט נאָר: חצות דאַרף מען אָפּרעכטן? אין מיקווה דאַרף מען אַ לויף טון? מכין זיין דאַרף מען זיך? אַ שיעור משניות דאַרף מען לערנען? היינט ווי כאַפּט מען נישט אַ פּאָר קאַפּיטלעך תּהלים? פון מעמדות שמועס איך שוין נישט. ווי רייכערט מען נישט אַ פּייקע פאַר דעם דאַווענען? און דאָ קומט אַ מחשבה און פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ. נו, קען מען זיך שוין באַלד כאַפּן און שטעלן דאַווענען? איך פרעג אייך! ס׳איז נעבעך דעם אָרעמען פּויער זייער ביטער זיין לעבן. ווי זאָגט די גמרא? וויפל מוטשעניש מוטשעט זיך דער מענטש אָפּ, ער אַקערט ערד, זעעט נאָסיניע, שניידט ווייץ, מאָלט מעל, קאָטשעט אַ טייגל ביז, ביז ער באַקט אַ ברייטל. ס׳איז עפּעס אַ שפּילעכן? נו, אַצינד קומען זיי צו גיין און זאָגן: הער נאָר דו, משה! ביז איצט ביסטו געווען אין גלות, האָסטו געקענט לעבן ווי אַ שררה, היינט אָבער זענען מיר פריי, דאַדורך מוזסטו פאַרשוואַרצט ווערן, ליגן ניין איילן אין דער ערד. איז דאָס עפּעס אַ טענה? זאָגט מיר נאָר דאָס איינע, איך בעט אייך. וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך, משה, האָבן, מיט מיין ווייסער גרויער באָרד, איך זאָל מיך אַנידערזעצן ביי אַ לאַדיניצע און מעלקן אַ קו...

— וואָס דען מיינט איר, ר׳ משה?

— העע, העע, וואָס איך מיין, דאָס וועט איר נישט משיג זיין. איך בין מיר טאַקע אַ ציוניסט, נאָר אָבער גאַנץ אויף אַן אַנדערן אופן. מיר דאַרפן קודם אָננעמען דאָס ירושלים דלמעלה, מיר דאַרפן קודם דעם שׂר של מעלה גובר זיין. דערנאָך, טע, טע, טע, וועט זיך אָנהייבן אַ נייע סדרה מיט פּאַפּירענע בריקן, מיט וואָלקנדיקע באַנען, מיט שטריימלעך אום סאַמע מיטוואָך, מיט זיידענע בעקעשקעלעך, מיט קוילעטשלעך וואָס די ביימער פון ארץ־ישראל וועלן פון זיך אַרויסגעבן. זעט איר, וואָס מ׳וועט דאַרפן וועט

וואַקסן אויף אַ בוים. איר דאַרפט אַ זייגערל? גייט איר צו צו אַ בוים פון זייגערלעך און רייסט אייך אָפּ וויפל איר ווילט. איר דאַרפט אשר־יצר־פּאַפּיר? איר דאַרפט טאַבאַק? איר דאַרפט, איר דאַרפט אַ בענדל... אַלץ, אַלץ וועט וואַקסן אויף ביימער, פון משקה שמועסט מען נישט. וואָס דאַרפט איר מער? אַ פּאָר זעקסערלעך צו פאַר־שטופּן דאַנערשטיק דער ייִדענע דעם פּיסק אויף שבת וועט אויך וואַקסן אויף אַ בוים. כהיום ווען אַזאַ ייִד ווי איך, למשל, האָב מיר מיין גאָרטן מיט מיינע ביימער, מיט מיינע צוויי וואָרצלען וואָס איינס טריפט האָניק און דאָס צווייטע מילך, נו, פעלט מיר עפּעס? האָב איך עפּעס צו זאָרגן? וואָס זשע רעדט איר? וואָס זשע זינדיקט איר?

— יאָ, ר׳ משה, איר זענט טאַקע זייער גערעכט, נאָר וואָס וועט דאַרויף זאָגן דער טערק?

— וואָס, ישמעאל? דער פרא־אָדם? ער איז מיר אויך אַ מענטש? ער האָט אויך אַ דעה? לאָז מיר נאָר וועלן פאַרשטיין די בחינה פון פרא־אָדם. מילא, אָדם אַליין איז דאָך שוין זייער אַ נידעריק עסק פאַר זיך אַליין. אָדם שטאַמט דאָך פון אדמה, פון דעם רעכטן גשמיות, פון דער פּשוטער בלאָטע. מאָלט אייך אַז גבר איז שוין מער... נו, אַז ישמעאל איז נאָך דערצו אַ פרא־אָדם קענט איר שוין פאַרשטיין פון וועמען עס איז דאָ פאַראַן צו שמועסן. זעט איר שוין, זיין גאַנצער כוח ליגט נאָר אין די תחתונים... ער האָט געירשנט אַ פּאָר תחתונים פון אַברהם אָבינו, און דורך זיי איז ידו בכל, דאָס הייסט, זיין האַנט איז שטאַרק דורך דעם ריידע אַברהם, וואָס האָט געהאַט אַ טאַכטער מיט דעם נאָמען „בכל". איצט פּרוּווט, טוט אים אויס די תחתונים, וועט איר זען אַז ס'וועט תיכף זיין ויד כל בו. דאָס הייסט, די האַנט פון יעקבן וואָס ער איז דער דריטער פון דעם בכל מכל כל וועט אויף אים שולט זיין. אַזוי ווי אין פּסוק שטייט „על פני כל אחיו נפל" און טאַקע שוין תיכף „אלה תולדות יצחק".

איר פאַרשטייט, צי ניין? אוי, ווי באַקומט מען די תחתונים, די תחתונים!

— 2 —

— וואָס זאָגט איר עפּעס, ר׳ משה, צו די גרויסע אָנזעצן וואָס דער עולם זעצט איצט אָן? כמעט אַז עס איז נישטאָ אַ סוחר וואָס ער זאָל נישט האַלטן ביי מפיל זיין.

— וואָס איך זאָג? פאַרשטייט איר מיך. כ׳זאָג און זאָג גאָרנישט, ווארעם לכאורה, אין פלוג, איז דער ענין אַ וואָזשנער ענין. און ווידער — גאָר קיין ענין נישט. איר ווייסט דאָך ווי דער מורה שמועסט מכוח די גלגלים, אַז זיי האָבן אַ חיות און אַ נפש המשכלת, כעל כן איז דאָך דער גלגל החוזר בעולם אוודאי בוודאי א מר בר רב אשי, אי אין חיות, אי אין נפש המשכלת, ווארעם לאָמיר צוריקשמועסן, די עבודה־זרה פון געלט איז די גרעסטע עבודה־זרה רחמנא־לצלן. אין איר איז ניכלל גנבה און גזלה און רציחה מלבד אירע ביטערע שושבינים ווי ערמה, שקר, חניפה, וכדומה.

אונדזער הייליקע תורה, וואָס זי האָט געוואָלט לכל־הפחות אָפּשוואַכן דעם כוח פון דער עבודה־זרה, האָט געגעבן דעם עולם אַ ווונק מכוח שמיטה; איר פאַרשטייט, אַז אַפילו מזומן געלט וואָס איינער איז דעם אַנדערן שולדיק געווען האָט שמיטה געפּטרט... ווארעם אויך די אייגענע מעשה, די תורה הקדושה האָט פאַרשטאַנען אַז ר׳ פייטל אָדער ר׳ צדוק האָבן זעקס יאָר געגומען און געגעבן האָבן זיי בוודאי זייער באַבעס ירושה נישט דערלייגט, און פּטור: אויס כלה, ווייטער אַ מויד! און דער בידנער עולם האָט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. און אַפילו ווען הלל האָט שוין מתקן געווען אַ פּרוזבול, אַז מ׳דאַרף יאָ צאָלן, מילא צאָלן שמאָלן, איז דאָך מער נישט געווען ווי אַ יִדיש כתבל מיט אַ היתר עיסקא לויט מהר״מס תקנה...

למשל ווען איך, משה, בין חייב געווען אויף אַזאַ כתבל אונדזער ר׳ יקותיאלן אָדער ר׳ ירחמיאלן כך וכך, און ער האָט מיר מודיע געווען אַז ס׳איז שוין דער זמן הפּרעון, האָב איך מיר אָנגעטון די שבתדיקע בעקעשע, אויסגעקעמט באָרד און פּאות, און בין אַרויפגעגאַנגען צום גביר. כ׳האָב מיר אַ פּאָר קנייטשלעך געטון,

אַ ביסל מתרעם געווען אויף דער שלעכטער צייט, כ׳האָב אים דערציילט אַז מיין קו איז יאַלעווע געוואָרן, און אַז וואַסילקע דער פּויער קען מיר דעם חוב נישט צאָלן. בדרך־אגב האָט ער מיך מבזה געווען מיט אַ שמעק טאַבעקע, און ער האָט אויף מיין ניסן געזאָגט אסותא. איך האָב אים באַלד אַ זאָג געטון וואָס דער עקדה שמועסט מכוח דעם ווינטשעניש ביי ניסן, און אַזוי איז געבליבן אַז כ׳האָב אים באַצאָלט די עיסקא, און מ׳האָט איבערגעשריבן אַן אַנדער כתבל, וואָרעם מיר זענען דאָך עפּעס יידן רחמנים בני רחמנים און אַז מ׳האָט נישט, הענגט מען נישט, והראיה אַז „אין לי״ נעמט דער חושן־מישפּט אויך אָן פאַר אַ טענה.

אָבער היינט, ביי דעם עולם הפוך, איז גאָר געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש. ס׳הייסט גאָר „וועקסלען״, און ווער מיר גביר, וואָס מיר עושר. כ׳דערלעב גאָרנישט צו וויסן ווען ס׳איז מיין מלאך־המוות.

איך גיב ביי מיר אין פּידאַיעץ אַ וועקסל, און דאָס שטיקל פּאַפּיר באַקומט פליגל. ס׳לויפט אַוועק צוזן אַלדע רוחות, קיין סטאַניסלאַוו, קיין לעמבערג, קיין ווין, ווו ס׳טאָגט נעבטיקט עס נישט. ס׳איז אַ פּנים נישט פאַר תענוג, נאָר גלאַט פשוט ס׳איז משיחס צייטן, ס׳איז כלה פּרוטה מן הכיס, און איינער איז אַן עושר נאָר אויפן אַנדערנס חשבון. ס׳איז עפּעס אַ מין „שמור לי ואשמור לך״, אַ קרום קיילעכיקער ראש־השנה און יום־כיפור אין איינעם. מ׳שרייבט און מ׳חתמעט און איידער כ׳גיב מיך אַ ריר קומט אָן אַן שוואַרץ־יאָר, אַ מלאך־דומה, כ׳קען אים נישט, כ׳ווייס אים נישט, און זאָגט: נו, ר׳ יעקב משלם? גיי בעט זיך ביי אים רחמים. אָט דאָס איז ממש די בחינה פון „הסתר אסתיר״ ווי דער בינה לעתים איז דאָס מסביר.

— מילא, ר׳ משה, איצט פאַרשטיי איך די ערשטע העלפט, די רישא, אַז דער ענין איז אַ וואַזשנער ענין, אָבער ווי קומט אויס אייער סיפא, אַז ס׳איז גאָר קיין ענין נישט?

— איי! ווייל דו ביסט אין דער מדרגה פון מוחין דקטנות. דער ענין איז דעריבער קיין ענין נישט, ווייל דער עולם פאַרשטייט נישט דעם ענין.

פאַרשטייסטו מיך, די הייליקע גמרא זאָגט „וחי בהם״, אַז די חוקים דאַרפֿן זיין צוגעפּאַסט צום לעבן ווי דאָס פּיסל צום שיכל. און דאָס מיינט דער אַלשיך הקדוש אינעם „ישב עולם לפני אלקים״: אַלע מענטשן דאַרפֿן גלייך זיין, ווי דער נביא זאָגט „והיה כמלוה כלוה כנושה כאשר נושה בו״, אַז דער אַנטלייער און דער לייער דאַרפֿןביידע זיין אין איין בחינה, ווייל באמת געהער דאָס געלט נאָר זיין ליבן נאָמען, וואָרעם „לי הכסף ולי הזהב״ און דער מענטש איז נאָר אַ קאַסיר קטן. מ׳ברענגט אים אַ צעטעלע, דאַרף ער געבן... איי וואָס האָט ער מורא צו האָבן, ס׳וועט זיך ביי אים אויסלאָזן דאָס ביסל מזומן? נו, וועט אַן אַנדערער ווידער אים געבן אויף זיין צעטעלע, מלבד וואָס דאָס מזומן אַליין איז נאָר אַ סימן, אַן אַסמכתא, וואָרעם אין עיקרשט איז דאָך געלט־שמעלט, אַבי ס׳איז „כי לעולם חסדו״ איז שוין ממילא „הללוהו כל גוים״ וואָרעם הלל איז די בחינה פֿון תפארת און תפארת איז כלל פֿון חסד און גבורה. אַז אַ מענטש איז זיך מתגבר אויפֿן יצר־הרע פֿון געלט און האַלט ביי חסד, ערשט דעמאָלט קען זיין תפארת.

אָבער ווי באַלד אַ מענטש האַלט אַז שלי שלי, מוז אַרויסקומען די תולדה אַז אויך שלך שלי און דאָס איז שוין די מידה פֿון סדום. און אויף אַזאַ אופֿן מוז זיך די וועלט איבערקערן, און ממילא ווערט פֿונעם גאַנצן ענין אויס ענין... און דאָס חיות פֿונעם גלגל החוזר בעולם ווערט אויס נפש המשכלת און ס׳פּירט צוריק צו תהו־ובהו... דו פֿאַרשטייסט?!

כ׳האָב אַפֿילו נאָך כמה וכמה חקירות אין דעם נישט־ענין פֿונעם ענין, אָבער דו זעסט, אָט קומט דער מלאך־דומה מיט אַ וועקסל און אָט אָט וועט ער פֿון מיין ענין מאַכן אַן אויס שבאויס...

אַ גוטע וואָך!!

חיים ליבערמאַן ז״ל

ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין

באַמערקונגען צו שלמה נאָבלס אַרטיקל: „ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיין — אַ דערציִער און קעמפער פאַר ייִדיש אין 17טן יאָרהונדערט"

(ייוואָ־בלעטער XXXV, זז׳ 121—138)

ה׳ נאָבל: (**ייוואָ־בלעטער** 35, 122) שרייבט אַז אין יאָר תנ״ז, 1697, איז אַרויס ר׳ יחיאל־מיכל עפּשטיינס אַ סידור, א״ט „סדר תפלה דרך ישרה": אַ סידור מיט אַ ייִדישער איבערזעצונג פון דעם רוב תפילות. דאָס איז נישט ריכטיק. אין דעם דאָזיקן סידור זענען נאָר די דינים און הנהגות איבערגעזעצט אין ייִדיש. פון די תפילות זענען איבערגעזעצט נאָר מודה אַני, בריך שמי׳, אַני מאמין און עטלעכע ברכות, ווי בורא פרי העץ, שהכל א״אַ, דערצו אַ פּאָר יהי רצונס און אַ פּאָר תחינות, וואָס האָבן אייגנטלעך אַ קנאַפּע שייכות צום סידור.

ווייטער שרייבט ה׳ נאָבל: „די הויפּט־חשיבות פון דעם סידור באַשטייט אין דער נייער שטעלונג צו ייִדיש, וואָס דער מחבר גופא ווייזט אַרויס. אין דעם דאָזיקן סידור פאַרשווינדט דער אַלטער, גוט באַקאַנטער אַפּאָלאָגעטישער נוסח, מיט וועלכן מען פלעגט אַריינפירן ייִדיש: ,פאַר גימייני לייט און נשים׳. אַנשטאָט דעם לייענען מיר אויפן שער־בלאַט: „איין תפלה די דא געשטעלט איז מיט דינים אונ׳ הנהגות ווי זיך דער בן אדם זאָל נוהג זיין דער למדן אודר גמיינה בעלי בתים אונ׳ נשים׳... מיר האָבן דאָ די ערשטע אָנצוהערעניש אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַז ייִדיש איז אַן ענין אויך פאַרן למדן..." (**דאָרטן**).

משמעות, אַז ה׳ נאָבל האָט נישט גענומען אין באַטראַכט וואָס ר׳ יחיאל־מיכלס סידור איז אַ צווייִשפּראַכיקער, לשון־קודש און ייִדיש, במילא האָט ר׳ יחיאל־מיכל געקענט שרייבן אויפן שער־

בלאַט אַז דער סידור איז סיי פאַרן למדן — דער העברעיִשער טייל, און סיי פאַר די „גימיינה לייט און׳ נשים" — דער ייִדישער טייל. לייענען מיר טאַקע אויפן זעלבן שער־בלאַט מיט אַ פּאָר שורות ווייטער: „...ווידוים און׳ בקשות ותחינות אויף לשון הקודש און׳ אויך אויף טייטש דער מיט ווער קיין לשון הקודש פר שטיט אויף טייטש קאָן זאגן..." (און מהאי טעמא האָט טאַקע הרב ר׳ נפתלי כהן געוואָלט האָבן דעם סידור אין פּוילן, וואָרעם הגם פּוילן איז טאַקע געווען אַ מדינה פון גרויסער לומדות, ווי ה׳ נאָבל האָט ריכטיק באַמערקט, גלייב איך אָבער אַז אויך אין פּוילן זענען געווען אַ שיין ביסל „גימיינה לייט און׳ נשים"...). לעולם אָבער האָט דאָס גאָרנישט צו טאָן מיט דער באַציִונג צו ייִדיש. מעז זי זיין די געהויבנסטע. אָבער סיי דער סידור גופא, סיי די דינים און הנהגות זענען לכתחילה געשאַפן געוואָרן אין העברעיִש און דער ייִדישער טייל איז נאָר אַן איבערזעצונג. טאָ פאַר וואָס זאָל דער למדן ניצן אַן איבערזעצונג? אַפילו אין שפּראַכן, וואָס די באַציִונג צו זיי איז אַ נאָרמאַלע, וועט אַ למדן נישט ניצן קיין איבערזעצונג ווען אים איז צוגענגלעך דער אָריגינאַל.

אויפן שער־בלאַט פון ר׳ יחיאל־מיכלס אַ צווייטן ספר, וואָס ה׳ נאָבל ציטירט אַ סך מאָל, — דעם **דרך הישר לעולם הבא**, ווו נאָר דער טיטל איז העברעיִש, בעת דער ספר גופא איז געשריבן אין גאַנצן אין ייִדיש, — שטייט שוין: „...דברי מוסר און׳ דינים... אויף טייטש גישטעלט פאַר די גמייני לייט און׳ ווייבש פרשונן דיא דא קיין לשון הקודש פאַר שטינן..." [1] האָבן מיר דאָ דעם סטערעאָ־טיפּישן שער־בלאַט מיט דעם „אַפּאָלאָגעטישן נוסח" וואָס אויף אַלע ספרים אין ייִדיש פון יענע צייטן, און ר׳ יחיאל־מיכל איז נישט קיין אויסנאָם אין דעם פּרט.

ר׳ יחיאל־מיכל איז גאָר מסכים מיט דער מיינונג אַז דאַוונען דאַרף מען אויף לשון־קודש אַפילו ווען מען פאַרשטייט נישט

1) **דרך הישר לעולם הבא**. ערשטע אויסגאַבע, פראַנקפורט־מיין, תס״ד. ביי פרידבערגן פאַרצייכנט בטעות — תס״ג.

וואָס מען זאָגט.[2] ער גיט אָפּילו אויף דעם אַ משל פון אַ חולה ווען מען דער דאָקטאָר פאַרשרייבט אַ רפואה, איז דער חולה גאָרנישט מחויב צו וויסן פון וואָס און ווי אַזוי די רפואה איז צונויפגעמישט, אַדרבא, אויב ער וועט זיך אַריינלאָזן אין אויספאָרשן דאָס קען ער נאָך ביז וואַנען־וואָס ווערן אַ מסוכן, דעריבער פאַרלאָזט ער זיך אויפן דאָקטאָר, נעמט די רפואה און ווערט געזונט.[3]

ר׳ יחיאל־מיכלס הויפּטאויפטו באַשטייט אין דעם וואָס ערשטנס האָט ער איבערגעזעצט, ווי עס איז שוין אויבן געזאָגט, די דינים און הנהגות אין ייִדיש (דערביי דאַרף מען האָבן אין זינען אַז אין רבנישע קרייזן איז געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט צום ענין איבערזעצן דינים אין ייִדיש).[4] און צווייטנס וואָס ער האַלט אַז דאָס אויבן דערמאָנטע איז שייך נאָר צום דאַוונען גופא, ווייל דאָס האָבן מתקן געווען די אַנשי כנסת הגדולה, וואָס זיי זענען געווען גרויסע חכמים, צווישן זיי דריי נביאים און זיי האָבן אַריינ־

---

2) על פּי סבֿרא האָט אויף דער דאָזיקער מיינונג ר׳ יחיאל־מיכלס געהאַט אַ השפּעה דאָס וואָס ער איז געווען אַ מקובל. על פּי קבלה זענען אין די ווערטער, און אַפילו אין די אותיות, פון די תפילות אַריינגעלייגט געוואָרן טיפע כוונות.

3) „...אין אמת איז דאָך קשה וויא טוט מאן תפלה ווען איינר ניקש פר שטיט וואז מן זאגט... דאַרויף וויל איך איין משל ברענגין... ווען איין בן אדם גאר זער לא עליכם קראנק ווער אלזו קומן די דאקטאַרים אונ׳ רייפן דעם דיפק אונ׳ בזיהן דען שיתן... אזו בפינדן זיא מיט אירה חכמים וואז ער אלז מאנגלט... אן דער מילץ אונ׳ אן דער לונג אונ׳ לעבר אונ׳ זונשט טין אזו שרייבן זיא איין אין דר אַפּטיק אונטערשידליכי ארצנייא לוזן הולין פון קרייטן פון גיברענטי וואשר אן גמאכט דורך דען אפּטיקר... אונ׳ ווען שוין דער חולי ניט וייז וויא מיט אים איין גיבט וואז די רפואות זיינן ווען ער נייארט דען רופאים פאלגט אונ׳ טוט נאך אירה ביפעלין... ווערט בעזרת השם ווידער גיזונד... אזו איז עז אך עבן אזו מיט דער תפלה ווען מן פאלגט אונזרי חכמים... אזו טוט די תפלה איר פעולה ווען מען שוין ניט פר שטיט...״ (**סדר תפלה** דרך ישרה, ורנקפורט דמיין, תנ״ז, בל׳ יו—יז; **קיצור של״ה** [אין העברעיש], פיורדא, בל׳ ל״ב, שפּ׳ 4).

4) כדאַי צו באַמערקן אַז די הסכמה אויף ר׳ **יחיאל**־מיכלס ספר **דרך הישר לעולם הבא**, וווּ עס זענען דאָ אַ סך דינים אין ייִדיש, איז געגעבן געוואָרן נאָר בתנאַי אַז מען זאָל דאָס ספר ניצן נאָר אין אַזעלכע **ישובים** וווּ עס איז קיין רבֿ ניטאָ, דאָרטן וווּ עס איז דאָ אַ רבֿ טאָר מען דאָס ספר ניט ניצן.

געלייגט אין דעם גרויסע סודות.[5] אָבער די בקשות און תּפילות וואָס שפּעטערדיקע חכמים האָבן מתקן געווען, איז אויב מען פאַרשטייט נישט קיין העברעיִש איז בעסער צו זאָגן אין ייִדיש, און די, וואָס צוליב זייער כאַראַקטער לאָזן זיי זיך נישט איבערזעצן אין ייִדיש, איז גלייכער גאָרנישט צו זאָגן.[6] אויך ווידוי האַלט ער אַז ווען מען פאַרשטייט נישט קיין העברעיִש איז גלייכער צו זאָגן עס אין ייִדיש, וואָרעם אויב מען פאַרשטייט נישט וואָס מען זאָגט, — וואָס איז עס פאַר אַ ווידוי?[7] מהאי טעמא האָט ער אַריינגעשטעלט אין זיין העברעיִשן ספר **קיצור של"ה** אַ לאַנגן ווידוי אין ייִדיש,[8] וואָס דאָס האָט ה' נאָבלען זייער פאַרחידושט (ז' 125). אָבער ר' יחיאל-מיכל האָט עס געטאָן נישט צוליב זיין שטעלונג צו ייִדיש, ווי ה' נאָבל מיינט, נאָר מחמת זיין שטעלונג צו ווידוי! די איינציקע

---

5) „...אונזרי תפלות דז מיר מתפלל זיינן אין דער וואוכן אונ' שבתות אונ' ימים טובים דז האבן מתקן גיוועזן דיא חכמים די דא האבן גיהיישן אנשי כנסת הגדולה דיא זיינען אירה גיוועזן הונדערט אונ' צוואנצג גרוישי תלמידי חכמים זיינן דרונטר גיוועזן דרייא נביאים חגי זכרי' ומלאכי... דז זיינן זעלכי גרוישי לומדים גיוועזן דיא דא אלש גוושט האָבן... אזו האבן די זעלביגה חכמים אונזרי תפילות דר נאך גישטעלט מיט גרוישי סודות וואונדרליכה חכמות אונ' שמות... **סדר תפלה דרך ישרה**, ורנקפורט דמיין, תנ"ז, בל' יו, שפ' 1.

6) „...אבר זונשט אנדרי תחינות ובקשות דז זונשט דורך אנדרי חכמים זיינן גימאַכט ווארדן האלט איך דר פיר אז בעשר דז איינר דר דז זעלביג ניט פר שטיט זאל עש בלייבן לאזן אונ' ניקש זאגן..." (**דאָרטן**, בל' יז, שפ' 4).

7) „...איך יתכן לומר וידוי על חטאיו ואינו מבין על מה שהוא מתודה שהרי עיקר הוידוי הוא להתחרט על חטאיו על מה שעשה... והלא אינו מבין מה שאמר..." (**דאָרטן**, בל' כ, שפ' 2).

8) כדאַי צו באַמערקן אַז ער האָט דאָס אַריינגעשטעלט ערשט אין דער צווייטער אויסגאַבע, אין דער ערשטער איז נאָך דער ווידוי געגעבן אין העברעיִש. עס איז אויך כדאַי צו וויסן אַז אין די פּויליש-רוסישע אויסגאַבעס פון **קיצור של"ה** איז דער ווידוי אין ייִדיש אַרויסגעוואָרפן און עס איז נאָר פאַראַן אַ באַמערקונג אַז דער וואָס פאַרשטייט נישט זאָל זאָגן דעם ווידוי אין ייִדיש, אפשר איז דאָס דערפאַר ווייל צו יענער צייט ווען מען האָט אָנגעהויבן דרוקן דעם ספר אין פּוילן זיינען שוין געווען עטלעכע אויסגאַבעס פון **עץ חיים**. די ייִדישע איבערזעצונג פון **קיצור של"ה**, האָט מען שוין געקענט נעמען דעם ווידוי אין ייִדיש פון דאָרטן און מען האָט דאָס נישט געדאַרפט דרוקן אין דעם העברעיִשן ספר. מעגלעך אויך אַז דאָס איז אַ הפקרות מצד די פאַרלעגערס, וועלכע האָבן געוואָלט איינשפּאָרן אַ פּאָר זייטן. די פּויליש-רוסישע אויסגאַבעס זענען בדרך כלל געווען טאַנדעט-אויסגאַבעס.

זאָך וואָס ר׳ יחיאל־מיכל האַלט אַז אַפילו דער למדן דאַרף עס זאָגן אין ייִדיש איז די הגדה של פּסח, ווי באַלד די עיקר מיצווה איז דאָ דער „והגדת לבנך״ איז אויב די בני־בית פאַרשטייען נישט איז מען דאָך נישט מקיים די מיצווה. אינטערעסאַנט איז אָבער דערביי אַז ער האָט נישט איבערגעזעצט די הגדה אין ייִדיש, ער האָט געגעבן זיין אייגענע קורצע דערציילונג. ער הייבט זי אָן מיט די ווערטער: „הערט צו מייני ליבי קינדער דא וויל איך אייך ווינג אַרציילן וואַרום דז מיר היינט דיזי נכט דען סדר געבן...״ דערנאָך גיט ער אין קורצן די געשיכטע פון גלות מצרים און יציאת מצרים ביז קריעת ים־סוף. דערמיט, האַלט ער, איז מען יוצא דעם „והגדת לבנך״, און אויב מען וויל קען מען איבערהיפּן די לשון־קודש־הגדה פון „עבדים היינו״ ביז „כמה מעלות טובות למקום עלינו״.[9] פון כמה מעלות טובות ביזן סוף געהערט שוין נישט צום „והגדת לבנך״, דאַרף מען עס זאָגן אויף לשון־קודש.

אָט דאָס איז זיין שיטה וועגן תפילה, ענלעך דערצו איז אויך זיין שיטה וועגן לערנען תורה. יעטווידער ייִד, שרייבט ר׳ יחיאל־מיכל, איז מחויב צו לערנען תורה, אַיי איינער איז אַן עם־האָרץ און פאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש? זענען דאָ גענוג ספרים אין ייִדיש, זאָל ער זיי לייענען און עס וועט אים זיין פאַררעכנט

9) „...והגדת לבנך ביום ההוא... פון דעשט וועגן האבן אונזרי חכמים די הגדה מתקן גוועזין... ווייל אבר בעונות הרבים אין דיזן דורות דש מיינשט לייט מאנש בר שונן ניקש פר שטינן מכל שכן ווייבר אונ׳ קינדר דיא פר שטינן פשיטא ניקש אונ׳ ווייל די עיקר מצוה איז דיא הגדה צו פר שטין וואז גשיהן איז אזו איז דר מנהג אין פיל מדינות דש נעבן דר לשון הקודש הגדה דר בייא גטרוקט איז דש זעלביג לשון דש מען אין דר זעלביג מדינה רעט אלז אין וועלש לנד זאגט מן דען ווייבר אונ׳ קינדר וועלש לשון וואר. אזוי דינקט מיך שופל [= אַני הקטן?] גאָר גוט צו זיין ווייל מן אין דיזר מדינה הוך טייטש לשון רעט דש איין מצוה איז דש איין איטליכר בעל בית אפילו דער שוין איין למדן איז זיינן גזינד דיא קיין לשון הקודש פר שטינן אויף טייטש זאגן וועגן מן האלט עבדים היינו לפרעה וויא דא ווייטר שטין ווערט דער גיגן וועגן איינר וויל אזו מג ער דז לשון הקודש איבר הופפין פון עבדים היינו אן ביז אן כמה מעלו תטובות למקום עלינו...״ (**סדר תפלה דרך ישרה**, ורנקפורט דמיין, תנ״ז, צווייטע פּאַגינאַציע, בל׳ ב״ד, שפּ׳ 1־2).

אַזוי ווי דעם למדן די לשון־קודש־ספרים.[10] דער למדן אָבער, איז מחויב צו לערנען האַרבע ענינים, מיט לייכטע ספרים איז ער נישט יוצא, דאָס איז געגליכן ווי אַ גביר זאָל געבן צדקה נישט לויט זיין קעשענע.[11]

ה׳ נאָבל שרייבט אַז ר׳ יחיאל־מיכאל איז מתיר צו שפּילן באָל אום שבת, נאָר מען זאָל נישט נאָכלויפן דעם באָל מחוץ לעירוב (ז׳ 132). דאָס איז נישט ריכטיק, ר׳ יחיאל־מיכל איז נישט מתיר צו שפּילן באָל אום שבת. ער איז גאָרנישט געווען דער אויטאָ־ריטעט אויף אַרויסצוגעבן אַזעלכע היתרים. דעם היתר האָט דער רמ״אַ אַריינגעשטעלט אין שולחן־ערוך[12] מיט אַרום אַ הונדערט און דרייסיק יאָר פריער. און שטאַמען שטאַמט ער נאָך, אַט דער היתר, אַזש פון תוספות. ער זאָגט אָגב נישט אַז מען זאָל נישט נאָכלויפן דעם באָל מחוץ לעירוב. אַלץ וואָס ער זאָגט איז אַז אויב מען שפּילט שבת אין באָל, זאָל מען נישט שפּילן אין אַ פּלאַץ ווו דער באָל קען זיך אַרויסקייקלען מחוץ לעירוב, ווייל דאָס איז שוין אַן איסור אַפילו ווען מען לויפט אים נישט נאָך. (יש ליזהר שאל ישחוק בכדור, באַלי״ן בל״א, במקום שיש לחוש שיתגלגל הכדור חוץ לעירוב ויבואו ח״ו לידי חילול שבת...).

ה׳ נאָבל ציטירט עטלעכע מוסטערן פון ר׳ יחיאל־מיכלס ייִדיש (ז׳ 135) און ער זאָגט, אַז ר׳ יחיאל־מיכל שרייבט נישט

---

10) „...דאז איין בן אדם אלי טאָג זעלבסט לערנען זול נאך זיינס פר שטאנד נוך קאן ער קיין לשון הקודש אזו זאל ער לערנען אין טייטשה ספרים דיא דא אין יראת שמים גימאכט זיין אלז צאנה וראנה, ספר לב טוב, בראנט שפיגל, אבר חס ושלו׳ קיין ספרי הבלים אלז בבא ביכליין אונ׳ דאז גלייכן: אונ׳ ווען איינר אלי טאָג לערנט נוך זיינש פר שטאנד נוך אזוי האט עד וואול גוטן שכר פון השי״ת אלז איין למדן דר דא לערנט אין לשון הקודש ספרים...״ (סדר **תפלה דרך ישרה**, ורנקפורט דמיין, תנ״ז, בל׳ י, שפ׳ 1, 4).

11) „...ווען איין תלמיד חכם דער דא וואל לערנען קאַן אין הארבע ספרים אונ׳ ער פר ברענגט זיין צייט מיט גנץ גרינגי ספרים איז ער ניט יוצא אזו ווען איין עשיר וואלט געבן צדקה וויניג... ניט נאך זיינעם פר מיגן נאך...״ (**דרך הישר לעולם הבא**, פראַנקפורט־מיין, תס״ד, בל׳ נ״ה, שפ׳ 1).

12) **שולחן ערוך אורח חיים**, סי׳ ש״ח.

„מחדש זיין״ די לבנה נאָר „מקדש זיין״ די לבנה. פון אייביק אָן עד היום הזה זענען יידן, בכל תפוצות ישראל, נאָר מקדש די לבנה. „מחדש זיין״ די לבנה דאָס איז נאָר דער אייבערשטער אַליין ביכולת... יידן קענען זי נאָר מקדש זיין. דערפאַר טאַקע האָבן מיר אין אַלע סידורים אַ „סדר קידוש לבנה״, נישט אַ „סדר חידוש לבנה״, אויך אין דער מאָדערנער ליטעראַטור באַגעגענען מיר גאַנץ אָפט אַ פראַזע: „מיט קידוש־לבנה־אותיות״, נישט „מיט חידוש־לבנה־אותיות״. עס קען געמאָלט זיין אַז אין דער רייד־שפּראַך איז דאָס וואָרט פאַרגרייזט געוואָרן. ביים שרייבן אָבער און בפרט ביים שרייבן דינים האָט מען געמוזט שרייבן „מקדש זיין די לבנה״: שרייבן „מחדש זיין״ וואָלט געהייסן עם־הארצות, האָט מען טאַקע אין ס׳רוב ספרי דינים און מינהגים אין יידיש, און אַלע צייטן און אַלע לענדער, געשריבן „מקדש זיין״...

ה׳ נאָבל ציטירט (ז׳ 136) וואָס ר׳ יעקב עמדן שרייבט אַז ר׳ יחיאל־מיכל האָט אַריינגעשטעלט אין זיין **סדר תפלה דרך ישרה** אַ רמז אויף שבתי צבי. ר׳ יעקב עמדן זאָגט נישט אין וואָס דער רמז באַשטייט. ה׳ נאָבל מיינט אַז דער רמז איז וואָס אין „עלינו״ איז אַנשטאָט „אין עוד״ שטייט אין ר׳ יחיאל־מיכלס סידור „אין אחר״, במילא שלאָגט ער אָפּ ר׳ יעקב עמדנען מיט דעם וואָס דעם נוסח „אין אחר״ געפינט מען אויך אין אַלטע סידורים, נאָך פון פאַר שבתי צבי, קען דאָס דאָך נישט זיין קיין רמז אויף שבתי צבי. דאָס איז אַ טעות. מיט דעם רמז אויף שבתי צבי מיינט גאָרנישט ר׳ יעקב עמדן דעם נוסח „אין אחר״. ה׳ נאָבל האָט נישט באַמערקט אַז ר׳ יעקב עמדן שרייבט אַז דער רמז איז „בסוף עלינו״ און „אין עוד״ אָדער „אין אחר״ איז דאָך גאָר אין אָנהייב עלינו. ר׳ יעקב עמדן מיינט דאָ גאָר אַן אַנדער זאַך. ר׳ יחיאל־מיכל האָט אַריינגעשטעלט אין זיין סידור, נאָך עלינו, דעם קאַפּיטל כ״א פון תהילים, וואָס הייבט זיך אָן „ה׳ בעזך ישמח מלך״, מיט אַ צושריפט אַז אין אַ טייל קהילות און יישובים זאָגט מען דאָס אַלע טאָג נאָך עלינו. אָט דעם דאָזיקן קאַפּיטל פלעגן די שבתי צביניקעס זינגען דריי מאָל אַ טאָג, נאָך יעדן דאַווענען (ד״ה נאָך

עלינו).[13] אויך ביי די אַפּטע גאָסן־פּראַצעסיעס, ווען שבתי צבי האָט געוווינט אין איזמיר (= סמירנע), פּלעגט ער גיין בראָש און נאָך אים דער גאַנצער עולם מאמינים און זיי פּלעגן זינגען „ה׳ בעוז ישמח מלך״. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, זייער הימען, און אָט דאָס מיינט ר׳ יעקב עמדן מיט דעם רמז אויף שבתי צבי וואָס ר׳ יחיאל־מיכל האָט אַריינגעשטעלט אין סידור.

אין די שאלות ותשובות **נודע ביהודה**, חלק חושן משפּט, תשובה ט״ז, שרייבט דער נודע ביהודה: „...ומה שכתב שנוהגין בעירו לומר אחר שיר של יום ואחר שמ״ל [שיר מזמור לאסף, געמיינט דעם מזמור פּ״ג אין תהילים, וועלכן מען איז זיך נוהג אין אַ סך קהילות צו זאָגן נאָכן דאַווענען] עוד מזמור כ״א, ידע שזהו נתפשט בכל מקומות ששכיחים האפיקורסים מאמינים בש״ץ [= בשבתי צבי] שחיק טמי׳ לפי שיש להם שם גימטרי׳ ובישועתך גי׳ הטמא שלהם [ובישועתך טרעפט אָן 814, דאָס זעלבע ווי שבתי צבי] ולכן יבטל מנהג זה שלא לחקות את הצדוקים...״

אין יאָר תפּ״ח (1728) איז אין פיורדא אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ ספר **שער אפרים**, אַ פּירוש אויף דריי קאַפּיטלעך תהילים, צווישן זיי דער אויבן דערמאָנטער קאַפּיטל כ״א. לויטן מחבר (ר׳ אפרים פון ריישע, גאַליציע, רב אין ווערטהיים, דייטשלאַנד) האָט מען זיך נוהג געווען „בכמה מקומות״ (אין אַ שפּעטערער אויסגאַבע, אַלטאָנאַ, תצו, שרייבט ער אַז מען האָט זיך נוהג געווען „במדינת אשכנז״) צו זאָגן די דריי קאַפּיטלעך תהילים נאָכן דאַווענען, ווי אַ סגולה קעגן כישוף, עין הרע און גזרות רעות. היתכן אַז צווישן אַזוי פיל קהילות האָט קיינער נישט באַמערקט אַז דעם קאַפּיטל כ״א האָבן גאָר די שבתי צביניקעס איינגעפירט צו זאָגן? אויפן ספר זענען דאָ הסכמות פון רבנים, צווישן זיי הרב ר׳ שמואל הילמן, וואָס איז שפּעטער אַרויסגעטראָטן, צוזאַמען מיט ר׳ יעקב עמדן, קעגן ר׳ יונתן פּרעגער, און אויב אין אַזאַ גראָבן סידור ווי ר׳ יחיאל־מיכלס האָבן די רבנים געקענט פאַרזען אַזאַ פּרט ביז

13) זען **תורת הקנאות**, בל׳ ד, שפּ׳ 2.

וואָנען ר׳ יעקב עמדן האָט דאָס באַמערקט, און אין די צייטן פון „נודע ביהודה״ האָט דאָס געקענט פאַרגעסן ווערן, האָט דאָס נישט געקענט געמאָלט זיין ביים ספר **שער אפרים**. אפשר קען מען אָננעמען אַז דער מינהג פון די דריי קאַפּיטלעך שטאַמט נאָך פון פריערדיקע צייטן און די שבתי צביניקעס האָבן נאָר אויסגעטיילט און אַרויסגעהויבן דעם קאַפּיטל כ״א. ס׳איז כדאַי אויסצופאָרשן די זאַך.

אין דעם זעלבן סידור איז דאָ אַזאַ זאַץ: „...אונזרי חכמים זאָגן ווער דאָ טרויארט אויף חורבן ירושלים דער ווערט זוכה זיין צו זעהן די נחמה פון ירושלים בפרט דאז מן תהלה לאל ווידר בשורו תטובת הערט מהגאולה שתהי׳ במהרה בימינו אמן״ [14] דאָס זאָל אפשר אויך זיין אַ רמז אויף שבתי צבי.

ה׳ נאָבל ציטירט (ז׳ 137) ר׳ יעקב עמדנען, אַז אויך אין דער הקדמה פון **קיצור** של״ה האָט ר׳ יחיאל־מיכל אַריינגעשטעלט אַ רמז אויף שבתי צבי און באַמערקט דערביי אַז ער האָט דאָס אין דער הקדמה נישט געפונען. ר׳ יעקב עמדן מיינט דאָ דעם זאַץ וואָס ה׳ נאָבל ברענגט „ויזכו לראות פני מלך משיח האמתי״, משיח האמתי איז בגימטריא שבתי צבי = 814. ווען מען וויל אָבער קען מען דאָס טייטשן פאַרקערט אַז דאָס איז אַ רמז אַז שבתי צבי איז אַ פאַלשער משיח, דערפאַר ווינטשט ער אַז מען זאָל זוכה זיין צום אמתן משיח, משיח האמתי...

ה׳ נאָבעל ציטירט (ז׳ 137) מאָרטימער כהן וועלכער שרייבט אין זיין בוך Jacob Emden אַז ר׳ יהונתן אייבעשיץ האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ **קיצור אורח חיים** אויף ייִדיש, הגם מען האָט צו אים געהאַט טענות דערפאַר. כהן זאָגט אָבער נישט ווען און ווו ר׳ יהונתן האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ ספר און נישט ווען, ווו און ווער עס האָט געהאַט צו אים טענות דערפאַר. איך האָב נישט קיין אמונה אין דער גאַנצער מעשה. אין דער ביבליאָגראַפיע איז דאָס אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט, כהנס מקור אויף

---

14) סדר תפלה דרך ישרה, פראַנקפורט־מיין, תנ״ז, בל׳ כ״ב, שפּ׳ 1.

דעם איז דאָס וואָס ר׳ יהונתן שרייבט אין **יערות דבש**: „וגמרתי בלבי בלי נדר והסכמות נדר בי׳ ימי תשובה אלו אי״ה ליכתו׳ דיני שבת בקצרה בלשון אשכנז ולחלוק לב״ב [= לבעלי בתים] שאינם כ״כ בני תורה וביחוד בגליל שלי וידעתי שילעגו עלי רבים...״ איז פון „דיני שבת״ געוואָרן אַ גאַנצער „אורח חיים״ און פון אַ גוטן ווונטש מיט אַ בלי נדר — אַ בפועל ממש. כהן האַלט משמעות מיט דער גמרא אַז מחשבה טובה הקדוש ברוך הוא מצרפה למעשה... יעדן פאַלס אויב אימעצער וייס פון אַזאַ אויסגאַבע אָדער פון טענות צו ר׳ יהונתן פאַר אַזאַ אויסגאַבע בעט איך זיך אָפּרופן.

הוספה

אין ניו־יאָרקער ביבליאָטעקן זענען פאַראַן די ווייטערדיקע אויסגאַבעס פון דעם **עץ חיים**.

פאַרקירצונגען:

י = ייִוואָ.
יא״י = ביבליאָטעק פון יודאַ אַ. יאָפע.
ל = ליובאַוויטשער רבינס ביבליאָטעק.
ני״ב = ניו־יאָרקער עפנטלעכע ביבליאָטעק.
ס = ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר.
רי״א = ישיבת ר׳ יצחק אלחנן.

1. **עץ חיים**. דאש איז דאש קעסטליכי ספר **קיצור שני לוחות הברית** אויף טייטש גשטעלט. יראה אונ׳ מוסר וואול במעלט. פון אלי דינים פון גנצין יאָר. פעלט ניט אויף איין האָר. הלכות חול. ושבת: וימים טובים. וימים נוראים. חנוכה. פורים. הלכות תשובה. תפלה. צדקה. ביקור חולים. גמילות חסדים דעשט גלייכן הלכות תפילין, ציצית. מזוזות אונ׳ אליר הנט תפילות. אונ׳ תחינות. וואש צו איין איטליכר זאך געהער אונ׳ אנדרי גוטע ווענין. דאש ווערט איר שוין אין דעם ספר פינדן אונ׳ לעזין. דאַרום זייט ניט

חס אויף אייער געלט. איר ווערט אייך גוויש קויפן די איביגי וועלט. דאַש גנצי ספר קיצור שני לוחות הברית איז אָפּ גשריבן. עש איז נישט אוישן גבליבן. פון אן פאַנג ביז צום ענד. בן דוד זאל באלד ווערן צו אונש גזענט. נדפס פה דיהרן פארט בדפוס המשובח של האלוף התורני מהור״ר ישכר בער במהור״ר נטע כץ זצ״ל. והוקם ע״י חמיו זקנו מוהר״ר שבתי משורר מפראג זצ״ל. לסדר ולפרט אתה **עתה ברוך** ה׳ לפ״ק [תק״ג, 1743], 4°, [2], 76 בל׳ צו 4 שפּ׳. (ל)

הסכמות, געגעבן געוואָרן צום איבערזעצער וואָלף גרשלס פון פּראָג: 1) פון ר׳ בענדיט ווייזל, רב אין ברעסלע, אָן אַ דאַטע. 2) פון ר׳ יואל בר׳ יקותיאל, רב אין אויסטערליץ, 9טע ספירה תק״ג. 3) פון ר׳ שמואל, רב אין שטרים, ג׳ ניסן תק״ג.

פון דער הקדמה: „...מאכט רש״י אין (אלה הדברים) דז משה רבינו האט די תורה בשיידן אין שבעים לשונות... אז איין איטליכר זאל קאנין ווישן וואש אונזרי הייליגי תורה בטייט, אויך די זעלביגי לייט וואש זיינין אין ישובים פאַר שפּרייט... דאַרום האָב איך מיר אין מיינם זין גינומן אַריין, די גמייני לייט איר נשמה מזכה צו זיין... אונ׳ האב דאש קעסטליכי ספר קיצור שני לוחות הברית גוט בדאכט: אונ׳ אין טייטשי שפּראך אריין גבראַכט אונ׳ האָב דעם ספר איין נאמן גיגעבן עץ חיים איז טייטש אַ בוים פון לנג לעבן...״

הגם דער איבערזעצער שרייבט אַז ער האָט איבער־געזעצט דאָס גאַנצע ספר איז דאָס אַ פאַרקירצטע איבער־זעצונג. ערטערווייז שיקט ער אָפּ נאָכצוקוקן דאָס איבעריקע אין העברעישן **קיצור של״ה**.

דאָס איז די ערשטע, אומבאַקאַנטע, אויסגאַבע.

2. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט אַזוי ווי נומ׳ 1.] נדפס פה פיורדא בדפוס המשובח הר״ר חיים בן כהר״ר צבי הירש יצ״ו, לסדר ולפרט **אתה עתה ברוך ה׳** [תקי״ב, 1752], 4°, [1], 75 בל׳ צו 4 שפּ׳. (ל, י, יא״י)

הסכמה פון ר׳ נפתלי הירש קאַצענעלנבויגן, רב אין מערגיטים (Mergerthiem), ר״ח סיון, תקי״א.

3. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] נדפס פה פיורדא בדפוס המשובח כהר״ר חיים בן כהר״ר צבי הירש

יצ"ו לסדר ולפרט את"ה עתה ברוך ה' [תקי"ג, 1753], °4, [1], 75 בל' צו 4 שפ'. (ס. רי"א)

איבערגעדרוקט די הסכמה פון נומ' 2.

4. עץ חיים... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ' 1.] נדפס בק"ק פיורדא בבית ובדפוס המשובח כהר"ר חיים בן כהר"ר הירש יצ"ו [אָן דרוקיאָר], °4, [1], 75 בל' צו 4 שפ'. (ל, ס)

איבערגעדרוקט די הסכמה פון נומ' 2.
געדרוקט פאַר יאָר תקי"ז וואָרעם די הסכמה איז געגעבן אויף 6 יאָר פון תקי"א.

5. עץ חיים... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ' 1.] נדפס פה פפ"ד [פראַנקפורט־מיין] בבית ובדפוס דויד יאקוב קרוניא [אָן דרוקיאָר], °4 [1], 75 בל' צו 4 שפ'. (ני"ב, יא"י)

געדרוקט פאַרן יאָר תקט"ז וואָרעם לויט פרידבערגן (**תולדות הדפוס בערים שבאירופה התיכונה**, ז' 69) האָט די דאָזיקע דרוקעריי עקסיסטירט נאָר ביזן יאָר תקט"ז. ביי פרידבערגן פאַרציייכנט בטעות ת"ף, ווי די ערשטע אויסגאַבע.

6. עץ חיים... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ' 1.] פיורדא בבית ובדפוס המשובח כהר"ר חיים בן המנוח כהר"ר צבי הירש זצ"ל בשנת תקכ"ח [1768] לפ"ק. °4, 70 בל' צו 4 שפ' [לעצטער בלאַט פאַגינירט בטעות נ']. (ל, ני"ב — אין קאַטאַלאָג בטעות 1765).

7. עץ חיים... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ' 1.] פיורדא בבית ובדפוס המשובח כהר"ר איצק בן המנוח כהר"ר ליב ב"ב [בוכבינדער] ז"ל דירתו ברחוב נקרא אלכסנדרס גאס בשנת תקמ"ב [1782] לפ"ק. °4, 70 בל' צו 4 שפ'. (ל, ני"ב)

8. עץ חיים... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ' 1, מיט קליינע שינויים.] בדפוס המשובח כהר"ר איצק בן כהר"ר דוד צירען דארף ז"ל לפרט עץ חיים היא למחזיקים בה ותמכיה מאושר לפ"ק [תקמ"ה, 1785], נדפס באותיות יפות כמו פראנקפורט דאדר [פיורדא], °, 52 בל' צו 4 שפ'. (ל, ס, יא"י)

ווי אַ קוריאָז איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אויף דער לעצטער זייט איז פאַראַן אַ האָלצשניט ווו אין צענטער איז אַ פּרוי מיט אַ צלם אין האַנט.

9. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] נדפס בק״ק לבוב בדפוס של הרבני מוהר״ר חיים במוהר״ר אהרן סג״ל בשנת תקמ״ו לפ״ק [1786], 4°. (יא״י)

דעפעקטיווער עקזעמפּלאַר. עס איז דאָ נאָר 46 בל׳ צו 4 שפ׳, דאָס איבעריקע פעלט. 9

10. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] נדפס בדפוס דפה ק״ק פאריצק תחת ממשלת אדונינו האדון הגדול החסיד יאסניע וויעלמאזני שטשענסני טשאצקי עלקסעניסטוואי פאריצק ובראסילוב ובעלץ וסערחאוויטש קאָוואליער ארדערא ביאַלעגא ארלא ירום הודו. בדפוס השייך לששה המשותפים ואחת מהם האשה החשובה הגבירה מרת חייה אלמנת ר׳ אלימלך זצ״ל בשנת ופריו **ימתק** לחיך הקורא בו לפ״ק [תק״ן, 1790], 4°, [56] בל׳ צו 4 שפ׳. (ל)

11. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] נדפס פה ק״ק לבוב תחת ממשלת אדונינו האדיר הקיסר רומישר אונגארין פיהם גאליציאן עט לאדמערייאן קיניגליכה אפאסטלישי מייסטעט פראנץ השני יר״ה בדפוס של האשה הגבירה מרת יהודית אשת הרב הגאון המפורסם בדורו מהור״ר צבי הירש יצ״ו [ראזאניש] באותיות אַמשטרדם בשנת תקנ״ד לפ״ק [1794], 4° [1], 32 בל, חלק שני, [1], 27 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, יא״י)

די איינציקע אויסגאַבע וועלכע איז געטיילט אויף 2 חלקים מיט אַ באַזונדער שער צו חלק שני.

12. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 8.] נדפס פה ק״ק פראַנקפורט דאדר לפרט עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר לפ״ק [תקנ״ה, 1795], תחת ממשלת... המלך... פרידריך ווילהעלם השני... בבית ובדפוס בתו של האדון דאקטר ופראפעסר גרילא: במצות והוצאות הר״ר איצק במוהר״ר אהרן זעליג ז״ל זעצר ודרוקר מק״ק הנ״ל. 4°, 60 בל׳ צו 4 שפ׳. (ני״ב)

הסכמה פון ר׳ נפתלי הירש קאַצענעלענבויגן, רב אין פראַנקפורט־אָדער, ב׳ אייר, תקנ״ה.

13. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] בנאווי דוואהר תחת ממשלת אדוננו הדוכס לאדוויג גאטאקאווסקי סטאראסטא קאמפינאווסקי אי ווילקאוולסקי פאדקאמארזי ליטעווסקי קאוואליר ארדערא ארלא ביאלעגע יר״ה בשנת תקנ״ז [1797], געדרוט אין דער פראווליגירטי דרוקרייא פון הערן יאהאן אנטהאן קריגער, 4° [56] בל׳ צו 4 שפ׳. (ל)

14. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] נדפס באותיות יפות כמו פראנקפורט דאדר בבית ובדפוס המשובח כהר״ר איצק בן כהר״ר דוד צ״ד [צירענדאָרף] ז״ל לפרט עץ חיים היא למחזיקים ב״ה ותומכיה מאושר [תק״ס, 1880, פיורדא], 4°, 52 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל)

אויף דער לעצטער זייט דער זעלביקער האַלצשניט מיטן צלם ווי אין נומ׳ 8.

15. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] בנאווי דוואהר שהי׳ מקדם תחת ממשלת הדוכוס האדיר והחסיד סטאניסלוב פאניטאווסקי שאץ מיינשטער פון ליטויא אונד שעף פון דער קרוין גאַרדע. געדרוקט אין דער פראַווליגירטי דרוקרייא פון הערן יאהאן אנטהאן קריגער בשנת תקס״ה לפ״ק [1805], 4° [56] בל׳ צו 4 שפ׳. (ל)

באַצייכנט מיט נומ׳ 82 (זען וועגן נומערירטע ספרים אין נאַווידוואָרער דרוקעריי: א. יערי: „הדפוס העברי בנאַווידוואהר״, **קרית ספר**, כרך י, ז׳ 372).

16. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.] נדפס פה ק״ק זאלקווי עם צענזור מהרוויזאנס אמט של קיר״ה נדפס אצל הרבני הראש הנגיד המפורסם מהור״ר גרשון בן הרבני מהור״ר זאב וואלף ז״ל ליטעריס בשנת תקס״ז לפ״ק [1807], 4°, 54 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, ס, ני״ב, יא״י)

17. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 1.]... תחת ממשלת אדונינו הקיס׳ אושע פריסוויטלווישי דערזאוונישי וואליקי

האסידאר אימפּעראטר אלכסנדר פּאוולאוויטש סאמעיא דערזיט׳ אוושע ראסיסקי האסידאר אוושע מילעסטוושיע יר״ה, ברשיון הצנזור דאקאדעמיע מריגע נדפס באוסטרהא בשנת תקע״ד [1814], 4°, 48 בל׳ צו 4 שפּ׳. (ל)

18. **עץ חיים**... אונ׳ דאָש איז דער ספר קיצור שני לוחות הברית, מיר האָבין עש מעתיק גיוועזן אויף עברי טייטש כדי עש זאלין פאַר שטיין. גרויש און קליין. דרינען גיפינט זיך יראה און מוסר אונ אַלע דינים פון אגאנץ יאָר. הלכות חול. ושבת. וימים טובים. וימים נוראים. וחנוכה ופורים. אונ׳ הלכות תשובה וצדקה ובקור חולים. גמילות חסדים. הלכות תפילין. ציצית ומזוזות. אונ אלי תפלות אונ תחינות וואש צו איטליכער זאך גיהער אונ אנדרי גוטי זאכין, ובזכות זה זאל קומען דער גואל צדק במהרה בימינו אמן. בדפוס של ר׳ משה מדפיס, בשנת תקצ״ו לפ״ק בסדילקאב (אין רוסישן אונטערטעקסט — 1836), *4.

אַ דעפעקטיווער עקזעמפּלאַר, 78 בל׳ צו 4 שפּ׳. די ווייטערדיקע בלעטער פעלן. פּאַגינירט נאָר ביז 10. געדרוקט מיט קוואַדראַטשריפט און מיט ניקוד (זאַמלונג פון חיים גינינגער).

צענזורירט פון פּראָפעסאָר פון ווילנער אוניווערסיטעט איוואַן וואַשקעוויטש, דעם 29 טן יולי 1835.

19. **עץ חיים**, הוא הנקרא קיצור שני לוחות הברית. דיזעס ספר האבין מיר מעתיק גיוועזין פון קיצור שני לוחות הברית אין דעם ווירד במעלד אללי דינים פון גאַנצין יאהר, יראה און מוסר, אויך ווירד במעלד דרינן דיא דינים פון אללי ימים טובים אונ אללי תפילות וואָס נייטיג איז צו זאגן בייא יעדרי זאך וואָס צו קומט פיר דעם גמיינם עולם, אויך נשים ווערדן גוויס צו פרידן זיין, ובזכות זה וועלן מיר זוכה זיין לגאולה שלמה אמן, וכן יהי רצון, ברשיון הצענזור, ווארשא בדפוס הרב מהור״ר דוד בהרב המפורסם מוהר״ר אריה ליב שקלאווער חתן הרב הגאון המפורסם מהור״ר יוסף מייא זצ״ל שהי׳ מקדם בדיהרנפורט. בשנת תקצ״ז לפ״ק [1837], 4°, [1], 56 זז׳. אַ פּוילישער אונטערטעקסט. (ל, י)

20. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 19, חוץ דעם זאַץ וועגן נשים.] ווארשא בדפוס של ה׳ נתן בהמנוח מו״ה צבי ז״ל שריפטגיסער בשנת תד״ר, °4, 48 בל׳ צו 4 שפ׳. אין פוילישן אונטערטעקסט: 1844. (ל, ס, י)

צענזורירט פון י. טוגענדהאָלד, דעם 4טן יאַנואַר 1844.

21. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18] נדפס בווילנא בדפוס ר׳ מנחם מן בר׳ ברוך ז״ל ור׳ שמחה זימל בר׳ מנחם נחום ז״ל שנת ה׳דר״ת לפ״ג [1844], °4, 75 בל׳ צו 4 שפ׳. (יא״י)

צענזורירט פון פּראָפעסאָר איוואַן וואַשקעוויטש, 31סטן מאַרט 1844.

22. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 20.] ביוזעפאף בדפוס הרבני הנגיד מהור״ר דוד סעדי׳ ישעי׳ וואקס נ״י, בשנת הר״ת לפ״ק [אין פוילישן אונטערטעקסט — 1844], °4, 48 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, ס)

צענזורירט פון י. טוגענדהאָלד, דעם 28טן אויגוסט (9טן סעפּטעמבער) 1844.

23. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 20.] ביוזעפאף בדפוס הרבני הנגיד מהו׳ דוד ישעי׳ וואקס בשנת תר״ח לפ״ק [אין פוילישן אונטערטעקסט — 1848], °4, 48 בל׳ צו 4 שפ׳. (ס. יא״י)

צענזורירט פון י. טוגענדהאָלד, 24סטן יוני (6טן יולי), 1846.

24. **עץ חיים**. דאס איז איבר גיזעצט אויף טייטש דאס ספר קיצור של״ה אונ דעם ספר גיפונט מען יראה אונ מוסר. אונ אלי דינים פון אַ גאַנץ יאר פעלט נישט אויף איין האר הלכות חול הלכות שבת וימים טובים הלכות ראש השנה ויום כפור. חנוכה. פורים. הלכות תשובה תפלה. צדקה. ביקור חולים. גמילות חסדים. הלכות תפילין ציצית ומזוזות אונ׳ אלערלייא בקשות אונ תחנות ווער עס וועט אונ דעם ספר אריין קוקין ווערט זיך בוודאי דער

קוויקן דארום זייט ניט חס אויף אייער געלט דען ווער דאס הייליקע ספר לערינט אונ איז מקיים וואָס עס דרינן שטייט דער קויפט זיך דיא אייביגע וועלט; הובא לבית הדפוס ע״י הרבני המופלג מהור״ר משה צבי שרייבר נ״י. 4°, 45 בל׳ צו 4 שפ׳ [תר״ט], Lemberg, Gedruckt bei M. F. Poremba (זאַמלונג פון צבי דאַווידאָוויטש).

25. **עץ חיים** והוא ספר קיצור שני לוחות הברית. [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18]. ווילנא בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם שנת תר״י לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1849], 4°, 64 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, י)

צענזורירט פון אי. פאַק, 22סטן מיי 1848.

26. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 20.] ווארשא בשנת תרי״ב לפ״ק [אין פוילישן אונטערטעקסט — 1851], w drukarni F. Lebensohna, 4° 48 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, ס)

צענזורירט פון י. טוגענדהאָלד, 17טן (29סטן) אָקטאָבער 1851.

27. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] ווילנא בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם שנת תרי״ג לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1853], 4°, 64 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, י)

צענזורירט פון פ. קוקאָלניק, 31סטן דעצעמבער 1852.

28. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 20.] ווארשא בשנת תרי״ז לפ״ק [אין פוילישן אונטערטעקסט — 1846], w drukarni F. Lebensohna, 4°, 43 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, ס, יא״י)

צענזורירט פון „סטאַרשי צענזאָר״ ח. טשערסקער, 1טן (13טן) נאָוועמבער 1856.

29. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 20.] ביזעפאף בדפוס הרבני הנגיד מו״ה דוד סעדי׳ ישעי׳ וואקס נ״י בשנת תרי״ט לפ״ק [אין פוילישן אונטערטעקסט — 1859], 4°, 38 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל)

צענזורירט פון י. טוגענדהאָלד, 14טן (26סטן) יאַנואַר 1859.

30. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] ווילנא בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם שנת תרי״ט לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1859], °4, 64 בל׳ צו 4 שפ׳. (ל, י, יא״י)

צענזורירט פון אַ. מוכין, 16טן אַפּריל, 1858.

31. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] ווילנא בדפוס ר׳ יוסף ראובן בר׳ מנחם מן ראם שנת תרכ״ד לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1863], °8, 100 בל׳. (ס)

צענזורירט 27סטן יוני 1863.

32. **עץ חיים**.. [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] ווילנא בדפוס ר׳ שמואל יוסף פין ור׳ אברהם צבי ראזענקראנץ שנת תרכ״ה לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1865], °8, 80 בל׳. (ל. ס)

צענזורירט 24סטן אויגוסט 1865.

33. **קיצור של״ה** דאס הייליגי ספר האבין מור מעתיק געווען אויף עברי טייטש בכדי יעדר מענטש זאל קענין וויסן אלי דינים וגם הנהגות טובות דאס איז אות באות מעתיק גוואָרין פון דעם הייליגן של״ה בזכות זה וועט האלטין וואס אין דעם הייליגן ספר שטייט וועט ער גיהאלפין ווערין מיט כל טוב אמן. נדפס ע״י ה״ה הנגיד וכו׳ מו״ה אברהם יהושע העשיל דראקר בהרב הצדיק מו״ה יהודא גרשון זצ״ל.

Kizer Shelu, Verleger A. Droker, Druck vun S. L. Kugel, Lewin et com. in Lemberg 1867, [תרכ״ז] °4, [72] בל׳ צו 4 שפ׳. (ני״ב)

34. **עץ חיים**... [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] בהוצאת בית מסחר הספרים של הר׳ יהושע גרשון מונק בוואַרשא, נומ׳ 2258. וואַרשא בדפוס ר׳ יוסף לעבענזאהן [תרל״ב, אין רוסישן אונטערטעקסט — 1872], °8, 160 זז׳. (ל. רי״א)

צענזורירט 1טן (13טן) פעווראַל, 1872.

35. **קיצור של״ה...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 33.] [תרל״ג] 1873, לעמבערג, Druck A. J. Madfes, 12°, 100 בל׳. (ס)

36. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] בהוצאות בית־מסחר הספרים של הר׳ יהושע גרשון מוננק בווארשא, נומ׳ 2258. ווארשא בדפוס ר׳ יוסף לעבענזאהן [1873, תרל״ג], 8°, 160 זז׳. (ל)

צענזורירט 1טן (13טן) פעברואַר 1873.

37. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] בדפוס המשובח של השותפים הרבני הנגיד מוהר״ר יעקב בר׳ שלמה ז״ל הערשענהארן והרבני הנגיד מו״ה משה נ״י שניידמעסיר בלובלין בשנת תרמ״ב לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1882], 8°, 57 בל׳. (ל, ני״ב)

צענזורירט אין קיעוו, 22סטן יולי 1881.

38. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] ווילנא בדפוס פין, ראזענקראנץ ושריפטזעצער שנת תר״ן לפ״ק [אין רוסישן אונטערטעקסט — 1889], 8°, 88 בל׳. (י)

צענזורירט 20טן סעפטעמבער 1889.
אין רוסישן אונטערטעקסט איז אָנגעגעבן, אַז דאָס איז אַן איבערדרוק אָן שינויים פון אַ ווילנער אויסגאַבע 1883.

39. **עץ חיים ספר קיצור של״ה...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 18.] בדפוס והוצאות האלמנה מ׳ נחמה ת׳, אשת המנו׳ ר׳ יעקב ז״ל הערשענהארן, ור׳ שלמה שמעון נ״י שטרייזבערגער, לובלין שנת תרפ״ב לפ״ק [אין פוילישן אונטערטעקסט — 1925], 8°, 114 זז׳. (י)

געדרוקט פון מאַטריצן פון נומ׳ 37. משמעות געווען אויך איבערגעדרוקט אין יאָר 1922.

40. **עץ חיים...** [טעקסט פון שער־בלאַט ווי נומ׳ 20. אָן דרוקאָרט און דרוקיאָר.] 8°, [56] בל׳. (ס)

זעט אויס צו זיין אַ לעמבערגער דרוק פון די 50ער אָדער 60ער יאָרן.

41. **עץ חיים**... [אַ פאָטאָגראַפישער איבערדרוק פון נומ׳ 37, דורך דער שארית־הפליטה. אָן דרוקאָרט און דרוקיאָר.] °8. (ל)

✶

נומ׳ 1־19 (חוץ נומ׳ 18) זענען געדרוקט מיט צאינה וראינה־שריפט.

נומ׳ 20־41 — מיט קוואַדראַטשריפט און ניקוד.

די הקדמה פונעם איבערזעצער איז נישט געדרוקט אין נ״ 5־7, 9, 13, 15, און 19־41.

צו נ״ 31, 32, 34, 36, 37, 39 האָבן די פאַרלעגערס צוגעגעבן „אגרת הרמב״ן" אין יידיש.

פסוקים ווי אַ סגולה, מען זאָל נישט פאַרגעסן דעם נאָמען ווען מען קומט אויף יענער־וועלט, זענען געגעבן נאָר פאַר מאַנסבילשע נעמען, חוץ נומ׳ 14 וווּ עס זענען געגעבן געוואָרן פסוקים אויך פאַר ווייבערשע נעמען.

פולער טעקסט און איינהייטלעכקייט אין שפּראַך און אויסלייג (חוץ גאָר קליינע שינויים) איז נאָר אין די אויסגאַבעס 1־19. פון נומ׳ 20 אָן און ווייטער האָבן שוין בעל־הבתעוועט די פאַרלעגערס. ראשית האָבן זיי אָנגעהויבן מאָדערניזירן די שפּראַך. פאַר די 100 יאָר וואָס זענען אַוועק זינט עס איז אַרויס די ערשטע אויסגאַבע האָט זיך שטאַרק געביטן סיי די שפּראַך סיי דער אויסלייג, און דער עולם האָט שוין שווער פאַרשטאַנען דעם **עץ חיים**. פאַרשטייט זיך אַז יעדער פאַרלעגער האָט מאָדערניזירט לויט דער שפּראַך און אויסלייג פון זיין מדינה. אַגב אורחא האָט מען שוין אויך גענומען פאַרקירצן דעם טעקסט, יעדער לויט זיין געשמאַק אָדער לויט פאַרלעגערישן חשבון, און אַזוי אַרום זענען די אויסגאַבעס 20־41 פאַרשיידן. טייל זענען מער פאַרקירצט טייל ווייניקער. דאָס זעלבע מיטן אויסלייג און ניקוד.

אויך די רוסישע צענזור האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו די אויסגאַבעס פון נומ׳ 20 און ווייטער. דערביי האָט זי געאַרבעט לויט דריי מעטאָדן: 1) צוגעשטעלט הערות אונטערן טעקסט,

2) איבערגעמאַכט דעם טעקסט, און 3) אין גאַנצן אַרויסגעוואָרפן טעקסטן וואָס זענען איר נישט געפעלן געוואָרן. אָט זענען אַ פּאָר מוסטערן: דער מחבר שרייבט אַז קהל קלייבט אויס אַ פּרנס — זאָל ער מאַכן תקנות פאַר קהל סיי אין מילי דעלמא, סיי אין מילי דשמיא, גיט די צענזור אַ הערה אונטערן טעקסט, און דווקא אין העברעיִש, „רק בידיעת וברשיון הרזאַנד". די זעלבע הערה איז געבראַכט געוואָרן אויך דאָרטן ווו עס שטייט אַז אויב איינער איז מבזה דעם פּרנס זאָל ער אַליין נישט באַשטראָפן נאָר איבער־געבן די זאַך צו קהל, מען זאָל אים קנסענען. אין אַ אָרט ווו דער מחבר רעדט וועגן „כתר תורה", אַז ווען מען לערנט תורה און מען איז מקיים תרי"ג מיצוות ווערט אַ קרוין און די קרוין פון תורה איז העכער פאַר אַלץ, האָט זיך די צענזור דערשראָקן: און ווו איז ניקאָלאַיס קרוין? האָט זי צוגעשטעלט אַ הערה: „דורך ערנשטי תפילה און מעשים טובים געפינט מען וואול געפאלן אין גאטס אויגן, ער האָט דער פון כביכול נחת רוח און דאס מיינט מען מיט דעם וואָרט קרוין" (נומ' 20). אין אַנדערע אויסגאַבעס (נג' 26, 28, 30) פעלט שוין די הערה וועגן „רזאַנד" און אין טעקסט גופא שטייט שוין אַז אויב מען איז מבזה דעם פּרנס מוז ער די זאַך קלאָגן לפני הממשלה. נאָך אין אַנדערע אויסגאַבעס (נג' 28, 29) ווו די צענזור האָט זיך משמעות געפוילט צו שרייבן הערות אָדער איבערצומאַכן דעם טעקסט האָט זי אין גאַנצן אַרויס־געוואָרפן די טעקסטן סיי וועגן מאַכן תקנות, סיי וועגן מבזה זיין דעם פּרנס און סיי וועגן דער קרוין.

אינטערעסאַנט דערביי איז אַז אין דעם אָריגינאַל, דעם העברעיִשן **קיצור של"ה**, האָט די צענזור די אויבן דערמאָנטע טעקסטן נישט אָנגערירט און נישט צוגעלייגט קיין הערות. זאָל דאָס הייסן אַז די רוסישע צענזור האָט געהאַט אַן אַנדער באַציונג צום ייִדיש־לייענער ווי צום לייענער פון העברעיִש?

אַגב אורחא לאָמיר שוין פאַרריכטן פרידבערגס פאַרצייכענונג פון די ערשטע 4 אויסגאַבעס פון **קיצור של"ה**. פרידבערג פאַר־צייכנט זיי אַזוי: 1) פיורדא תנ"ג; 2) ועם הוספות: פיורדא תנ"ו;

3) אמשטרדם תס״א; 4) ועם שינויים: אמשטרדם תס״ז. וואָס הייסט ביי אים הוספות און וואָס שינויים ווייסט איין גאָט. דער פאַקט איז אַז פיורדא תנ״ו איז מיט הוספות (מהדורא בתרא) וואָס דער מחבר אַליין האָט צוגעגעבן; אמשטרדם תס״א איז מיט ווייטערדיקע הוספות וואָס די פאַרלעגערס האָבן צוגעגעבן מיט דער דערלויבעניש פון מחבר און אמשטרדם תס״ז איז שוין אָן שום שינויים אָדער הוספות און איז אַ פשוטער איבערדרוק פון אמשטרדם תס״א.

וועגן דעם **סדר תפלה דרך ישרה** איז אויך כדאַי צו באַמערקן אַז אין דער צווייטער אויסגאַבע, פראַנקפורט־אָדער תס״ג, זענען אַריין הוספות פון די פאַרלעגערס. ווי עס איז אָנגעגעבן אין דער הקדמה זענען יעמאָלט געווען אין פראַנקפורט עטלעכע משולחים פון ארץ־ישראל פון ר׳ יהודה חסידס חברותא וואָס איז מיט 2 יאָר פריער, אין אַ צאָל פון אַרום אָנדערטהאַלבן טויזנט נפשות, עולה געווען מיט אַ גרויסן שטורעם קיין ארץ־ישראל (זען וועגן דעם: ש. דובנוב, **דברי ימי עולם**, כרך שביעי, תל־אביב, ת״ש ז׳ 115), און שוין 2 יאָר שפּעטער האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו משולחים, אָט די משולחים האָבן דאָס שטאַרק צוגערעדט די פאַרלעגערס צו געבן די הוספות (אַגב — אין ייִדיש).

„אהל רחל״

הרב א. שאולי

פאַרברענטע צווייגן פון אָרטאָדאָקסישער פּאָעזיע

צוויי טאַלאַנטירע רעליגיעזע דיכטערס און אַ דיכטערין

דער שואה־געוויטער איבער די ייִדישע קיבוצים פון מזרח־אייראָפּע האָט פאַרברענט און צעזייט דאָס אַש פון דורותדיקע פאַרוואָרצלטע ייחוסדיקע תורה־שטאַמען, און אויך אַרויסגעריסן געבענטשטע און חנוודיקע שפּראָצן פון פרום־ייִדישע יצירות אין זייער סאַמע בלי.

ביים סוף פון די צוואַנציקער און אָנהויב דרייסיקער יאָרן האָבן זיך אין דער דעמאָלטיקער צעוואַקסענער ייִדישער ליטעראַטור פון פּוילן דערהערט בכוונהדיק רעליגיעזע טענער פון פולבלוטיקע תורה־און אמונה־ייִדן, וואָס זענען געווען בבחינת קוריאָז, ווייל דווקא די דאָזיקע דיכטערס, וואָס זענען געקומען אין נאָמען פון אַלט־אייביקע אמתן האָבן גראָד פאַרטראָטן די סאַמע ייִנגסטע, שיער־נישט רעוואָלוציאָנערע טענדענץ אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

די דאָזיקע דיכטערס און פּראָזאַיִקערס, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון שירת „האזינו" און תנכישער עפּיק, האָבן אָפּגעפּרישט די ייִדישע ליטעראַטור, ווי עס שרייבט דער אָרטאָדאָקסישער ייִדישער פאַרשער־פּובליציסט משה פּראַגער ז"ל (אין אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע פון רעליגיעזע לידער און דערציילונגען, ניו־יאָרק תשט"ו — 1955).

פון קרוב צו דריי מנינים רעליגיעזע דיכטערס און דער־ציילערס ווילן מיר דאָ דערמאָנען בלויז דריי: **ישראל שטערן, חיים סעמיאַטיצקי** און **יהודית גלאַז־שטיין**, הי"ד.

די ערשטע צוויי אָנערקענטע דיכטערס אין דער ערשטער שורה פון דער ייִדישער פּאָעזיע אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן. פאַרשיידן

קינסטלעריש און אַנדערש אין זייער אָפּשטאַם און השפּעה. הצד השווה שבהם, זענען ביידע געווען טאַלאַנטירט און אַזוי צוזאַגנדיק, און ביידע קדושים, האָבן געטיילט דעם גורל פון די גיבורים און קדושים אין וואַרשע און ווילנע.

ישראל שטערן — דער בראַסלאַווער ניגון און קאָצקער משחבה

ישראל שטערן האָט נאָך פאַקטיש געהערט צום דור פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ זון פון ייִדישן דלות אין שטעטל אָסטראָלענקע, און אייניקל פון אַ שאַרפן קאָצקער חסיד, וואָס איז נאָך געפאָרן צום חסידישן בונטאַר ר׳ מענדל קאָצקער, איז זיין דיכטונג געווען אָנגעזאַפּט מיט ייִדישער מחשבה און אמונה. אַ קינד פון ליידן און וואָגל, האָט ער זיך קונה שם געווען מיט זיין לידער־ציקל „פרילינג אין שפּיטאָל״, קרישטאָל־ריינע געלייטערטע פּאָעזיע ווי אויך מיט זיינע עסייען, „קרוינען פון דער דיכטונג״.

מלך ראַוויטש, דער אַמאָליקער סעקרעטאַר פון דער ליטעראַרישער חברותא אין וואַרשע, „טלאָמאַצקע 13״, דערציילט אין זיין סקיצן־בוך (לעקסיקאָן, מאָנטרעאָל 1945, זז. 154) — — „אָן אַ פּאַרוואָס טרויערט ישראל שטערן און לעבט מיט אַ דאַרער סקאָרינקע און דאַוונט האַלבע טעג אין שטיבל פון די „טויטע חסידים״ (בראַסלאַווער) און די אַנדערע האַלבע טעג לערנט ער אין די בתי־מדרשים — — אין דער צייט ווען עס איז אָנגעגאַנגען דאָס פּאָרן אויף דער פּוילישער פּראָווינץ, וואָלט אויך שטערן געקענט דערביי פאַרדינען, האָט ער אָבער פיינט דאָס פאַרדינען און זאָגט אָפּ אַיין איינלאַדונג נאָך דער אַנדערער, ווייל ער פאָרט נישט אין שבת און וויל נישט, אַז מען זאָל פאַרקויפן בילעטן אויף זיינע פאָרלעזונגען אום שבת — —״

האָט שטערן געפירט אַ קפּדניש־נזיריש לעבן אין דער חסידישער חברותא פון „אומאַנער שטיבל״. זיינע טיף פאַרטראַכטע לידער, באַלאַדן מיט אָריגינעלע אימאַזשן און מעטאַפאָרן ווערן הימנעס צו גאָט און זיין „בחיר היצורים״. ער זינגט אַ מזמור־שיר לכבוד דעם מענטשן:

„— — איך בין געזעסן אַליין, אַן אַלט ספר געבלעטערט,
איך האָב מיטגעפּרילינגט אין טאַנץ פון דעם טאָג,
געשריבן פרייד מיט מיין שטעקן אויף וואַרעמען זאַמד,
האָט אַ וואָרט איבער דורות זיך צעגלאַנצט ווי אַ קרוין
אין מיין שטוב, אַ שטאָלץ וואָרט, כאָטש אַן אַלטס — —
דאָס אַלט ספר־וואָרט, מענטש איז אַ שטיק גאָט".

אַזוי טייטשט ער אָפּ דאָס וואָרט פון ספר איוב, אַז דער מענטש איז אַ „חלק אלקי ממעל". פאַרן זיידן, דעם קאַצקער, — „שטיל און הייליק מאַכט זיך אויף דער טאָג / ווי עס עפנט זיך זיס־פּראַכטיק אויף אַן אַלטער ספר, / די זון קומט אַרויס ווי אַ שיינער געדאַנק" (פונעם בוך „אַסטראַלענקע").

און דער איינקל זאָגט און זינגט:
„האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר — —
כ'זוך נישט געלט און נישט רום, ווען איך זינג, —
צו גאָט גייט מען איינער אַליין".

לויט אַ ידיעה זאָל דער גרויסער און טאַלאַנטירטער דיכטער גוזר געווען אויף זיך אין וואַרשעווער געטאָ תעניתים און סיגופים, און אין מיטן מתפלל זיין פאַר ישועה פאַר כלל, איז ישראל שטערן אויסגעגאַנגען און געלאָזן זיין פּרעכטיקע איבערזעצונג פון קידוש השם־פּיוט אין מיטלאַלטער, אויף די פאַרברענטע ספר־תורה'ס, „שאלי שרופה באש" פון „ליכט פון גלות אשכנז", דעם גרויסן פּוסק און מאַרטירער, רבנו מאיר פון ראָטענבורג:

„תורה, דו פייער אויף פייער געשריבן —
איז מעגלעך, אַז דו האָסט אויף אַש זיך צעריבן,
ווען ערדישער פייער האָט דיין פאַרמעט צעגליט
און די האַנט פון דעם שונא האָט ניט געבריט?"

חיים סעמיאַטיצקי — נוסח ווילנע

חיים סעמיאַטיצקי, אַ קינד פון אַ רבנישער שטוב אין טיקטין, ווייסרוסלאַנד, איז געווען אַ תלמיד פון די באַרימטע ישיבות:

לאָמזשע, קלעצק און ראַדין, האָט געשריבן חידושי תורה און באַקומען סמיכה אויף רבנות. ער איז געווען טעטיק אין די „תורה ועבודה"־קרייזן פון מזרחי אין ליטע, און שפּעטער געקומען קיין וואַרשע, ווּ ער איז געוואָרן טעטיק אויך אין ליטעראַרישע קרייזן. הלל צייטלין און נחמן מייזיל האָבן אים אַנטדעקט אַלס אייגנאַרטיקן ייִדישן ליריקער, דער „ייִדישער רילקע", און אים צוגעטיילט די פּרעמיע פון דער וואַרשעווער קהילה. זיינע צוויי לידער־ביכער „אויסגעשטרעקטע הענט" און „טראָפּנס טוי", זענען פּערל אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ער איז אין סאַמע מיטן פלאַקער פון דער מלחמה אַוועק קיין ווילנע און איז דאָרט דערשאָסן געוואָרן אויפן פּאָנאַר.

דער אויבן דערמאָנטער מלך ראַוויטש דערציילט וועגן אים אין זיין „לעקסיקאָן": „כאָטש סעמיאַטיצקי האָט אַריינגעקוקט אין די טריף־פּסול, איז ער געבליבן פרום ביז אין דער טיפסטער טיף פון זיין נשמה. ער איז געווען פול מיט תורה און גערעדט וועגן תורה אַ גאַנצן טאָג. באַלד פלעגט ער פאַרשווינדן אין שכנישן בית־מדרש און זיך זעצן ביי דער גמרא". מיט שטיל־געלייטערטע קורצע תפילהדיקע פערזן, אַלאַ טאַגאָרע און רילקע, האָט ער ממש באַצויבערט אַלע דיכטערס. אָט איז אַ מוסטער פון אַ תפילה:

„גאָט!
ווען כ'האָב אָנגעהויבן מתפּלל זיין צו דיר,
האָט נאָך נאַכט געקושט מיינע ליפּן,
און ווען כ'האָב געענדיקט, האָט שוין טאָג
זיך געבלייבט אין מיינע שוואַרצאַפּלען — —
כ'האָב קיין הויז, ווי אַן עמער צו נעמען,
כ'האָב קיין היים, פאַר ווּעמען צו ברענגען,
דו ביסט מיין היים — וועל איך זיך ברענגען צו דיר".

און אַזוי פאַלן זיינע פאַרגלויבטע אין ייִדיש־טויאיקע ווערטער, ווי „טראָפּנס טוי" אויף די ווילנער גאַסן.

„ווילנע — דו ביסט אַ ייִדיש ליד,
רעציטירט איבער דאַרע פעלדער
פון דער ליטע. — —

דיינע געסלער זענען
אויפגעמישטע תחינות,
געדרוקט מיט פרומען ייִדיש".

אוניווערסאַלע מאָטיוון פון אַ ייִדישער דיכטערין

און איין בת־טובים און בת־קדושים, **יהודית גלאָז**, אַ פרום מיידל פון אַ קליין ליטוויש שטעטעלע, אויפגעהאָדעוועט אין דער שטרענג אָרטדאָקסישער יבנה־שול, האָט נאָך איר חתונה מיט אַ ראש־ישיבה, אַ מוסרניק, זיך געחתמעט גלאָז־שטיין. זי האָט געשריבן לידער אין שטרענג־ריטמישן און געצוימטן פערז, לידער פון צאַרטער ליריק, פון אַזאַ פרומער בענקעניש, אָבער אויך מיט ריין־עטישע און סאָציאַל־אוניווערסאַלע מאָטיוון. אָט ווי אַ דיכטערין זינגט אַ מאַמיש „וויגליד" צו איר קינד, און טרוימט וועגן ישעיהו הנביאס „אחרית הימים". ריטמישע שורות, וואָס וועלן בלייבן אין דער ייִדישער דיכטונג.

„ליליע, קינד מיינס, פויגל קליינער,
חלום, אַז עס ווערט
אַ געוויינטלעך אַקעראייזן
פון אַ בלוטיק שווערד.

חלום אַז עס בעט מחילה
האָר ביי זיינע קנעכט;
אַז דער מערדער קלאָגט אויף זיינע
שוואַרצע טעג און נעכט.

חלום אַז דער מענטש איז וואונדער,
רייבער טיילט זיין געלט;

אַז עס האָט אַ היים דער יתום,
עלנטער — זיין געצעלט".

אַזוי האָט די בענקענדיקע פרום־ייִדישע דיכטערין געזונגען אין דער נאַכט פון נאַצי־קאָשמאַר ווי דער „שוואַרצער מערדער" האָט זי פאַרברענט אין קאָוונער געטאָ, הי"ד.

גרשם באַדער ז"ל

ייִדיש אין די תפילות

סיי נאָנט און סיי ווייט, אין די גרויסע וועלטשטעט ביים ברייטן טראַקט, ווו עס לייכט אַ הערלעך שיינע פרייהייטס־זון און די פון גאָט געבענטשטע קולטור האָט דאָרט איר „היים". ביז אין יענע פאַרוואָרפענע ווינקלען, ווו עס דאַכט זיך. אַז די וועלט איז דאָרט פאַרשלאָגן מיט ברעטער; ביי די ברעגעס פונעם אַטלאַנטיק גלייך ווי פונעם פאַסיפיק, פון אַרגענטינע ביז טראַנסוואַל, ביי דעם דונאַי ווי ביים שוואַרצן ים, אין די טיפסטע אוקראַיִנער סטעפעס ביז צו די העכסטע קאַרפאַטן: פונעם דניעפּער ביז צו דער ווייסל, אומעטום אין די ייִדישע היימען פון די דאָזיקע מקומות הערשט אַ שפּראַך, וואָס מיר רופן ייִדיש. געקומען איז זי פון די ברעגעס אַרום דעם ריין און אין פאַרלויף פון מינדעסטנס פערציק דורות, האָט זי אין זיך איינגעזאַפּט און פּרעזערווירט די טרערן און די קרעכצן פון מיליאָנען מענטשן.

נישט אַנטוויקלט האָבן זיך אין איר די פאַרשיידענע ניואַנסירונגען פון די באַגריפן און די דיפערענצירונגען פונעם לעבן. זי איז אָבער די שפּראַך פון די געפילן. אירס אַ וואָרט, באַגלייט פון אַ זיפץ, זאָגט אַ מאָל מער, ווי אַ גאַנץ בוך קען באַשרייבן. פערציק לאַנגע דורות ייִדן האָבן אין איר אויסגעדריקט אַלע זייערע ווייטאָגן, ווען עס איז זיי שווער געוועזן אויפן האַרצן.

זי איז די שפּראַך פון אונדזערע תפילות, אָבער ווען איר הערט אַ ייִדן דאַוונען, און ער טוט אַ קרעכץ אין מיטן „איזהו מקומן" אָדער אין דער מיט פון „פּרשת קטורת", און ער טוט דערביי אַ זאָג „איי, טאַטע זיסער!", ווילט זיך אפשר דעם וואָס פאַרשטייט „פּירוש המלות". אַ לאַך טאָן, ווייל דער „טאַטע זיסער" האָט נישט קיין שייכות צום „קל וחומר" פון די שלש עשרה מדות שהתורה

נדרשת בהן אָדער צום קרבן תמיד. טאָר מען אָבער וועגן דעם גאָר נישט לאַכן, ווייל דער ייִד האָט דאָרט זיין האַרץ אויסגעגאָסן. אין דעם אויסרוף „טאַטע זיסער" ליגט זיין זיכערקייט, אַז דער אויבערשטער וועט זיך צוהערן צו זיין תפילה.

דער דאַוונער אַליין דאַרף נישט דורכויס וויסן דעם טייטש פון דעם, וואָס ער זאָגט איצט, אָבער ער איז זיכער, אַז דער „טאַטע זיסער" אויבן איז הימל ווייסט און פאַרשטייט, וואָס עס ליגט אים אויפן האַרצן, און אַז דער „דערבאַרעמדיקער גאָט" וועט אָננעמען זיין תפילה און וועט אים העלפן.

אַזוי ווי עס איז אין אַלגעמיין אָנגענומען. אַז דאָס זאָגן די פּרשה פון קרבנות איז ביים אויבערשטן אַזוי חשוב גלייך ווי אַ קרבן, שמעלצט דער ייִד זיין תפילה מיט עטלעכע צווישנרופן אין ייִדיש, מיט וועלכע ער רעדט זיך אַריין אין דעם גלויבן, אַז דער אויבערשטער פאַרשטייט זיין מיין.

דערציילט מען דאַדורך וועגן יענעם צדיק, וועלכער האָט נישט מער געקענט, ווי נאָר דעם בלויזן „אַלף־בית", און ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן יעדן אין דער פרי ביי דער וואַנט און אויסזאָגן עטלעכע מאָל דעם גאַנצן אלף־בית אַהין און צוריק, און דערנאָך פלעגט ער זאָגן: „רבונו של עולם! דו ווייסט זייער גוט. אַז איך בין נישט געלערנט, און ווען איך דאַווען אַפילו, דאַוון איך מיט גרייזן און איך ווייס נישט וואָס איך רעד. האָב איך דיר אָט־דאָ אָפּגעזאָגט דעם גאַנצן אלף־בית עטלעכע מאָל אַהין און צוריק, און אַזוי ווי דו ווייסט מיין האַרץ און וואָס איך וויל דיר זאָגן, וועסטו דיר שוין אַליין צוזאַמענשטעלן די תפילות, ווי דו פאַר־שטייסט!...."

אַזוי פלעגט אויך ר' לוי יצחק בערדיטשעווער זייער אָפט אונטערברעכן דאָס דאַוונען און זאָגן דערביי עפּעס אַ מאמר אויף ייִדיש אין זיינע באַוווּסטע טענות צום רבונו של עולם, חוץ וואָס ער האָט זייער אָפט צוגעגעבן אַזעלכע ווערטער ווי „אוי, דו גרויסער פאַרכטיקער און געאַכפּערטער גאָט, דו ווייסט דאָך מיין באַגער!"

פֿאַרשידענע אַנדערע חסידישע רביים פֿלעגן דערקלערן, אַז דאָס וואָס עס שטייט אין דעם סידור אין ראשי־תיבות ג״פּ דאָרט, ווו מען דאַרף זאָגען אַ פּסוק דריי מאָל, מיינט דאָס „געזונט און פּרנסה״. דאַרף מען טאַקע האָבן אין זינען, ווען מען זאָגט יענע תּפילות, אַז דער אויבערשטער זאָל אונדז געבן געזונט און פּרנסה. ווייל טאָמער וועלן מיר נישט האָבן קיין ג״פּ. וועלן מיר דאַרפֿן זיין נע ונד, דאָס מיינט: נישט עסן וגם נישט דאַוונען...

אין אונדזער דאַוונען אויף לשון־קודש האָבן אונדזערע באָבעס און אונדזערע מאַמעס נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס זיי זאָגן, האָבן זיי דאַדורך בלויז גערעדט מיט די ליפּן און דאָס האַרץ איז געבליבן ליידיק. ווייל די תּפילות זייערע האָבן נישט גערעדט צו זייערע געפילן. האָבן זיי ליבערשט אויסגעגאָסן זייער האַרץ אין ייִדיש.

ד״ר י. בר־אל

אַ פּאָר הערות צו אַן אַלט יידיש וואָרט אין שו״ת גדולי אַשכנז

אין „לקט יושר״ חלק א׳ געפינען מיר דאָס וואָרט „פּאַפּאַ״: שמעתי מפי מורי הר״ר יצחק שא׳ לי גם במאכל שעושים לתינוק שקו׳ פּאַפּאַ בל״ע מ״ר עכ״ל.

עטימאָלאָגיש שטאַמט דאָס וואָרט „פּאַפּאַ״ אָדער „פּאַפּ״ פון דעם זעלבן שורש ווי דאָס מיטל־הויך־דייטשע וואָרט "pap" און דער באַטייט איז: Brei als Kinderspeise, Brei zum kleben, breiartige Masse aus der das Papier bereitet wird.

אַזוי ווי פון פּאַרקאָכט מעל און פּאַפּיר האָט מען געמאַכט בלומען צום פאַרפּוצן פאַרשיידענע ביליקע אַרטיקלען, וואָס פלעגן אויסהאַלטן פון אסתר־תענית ביז פורים, איז דאָס וואָרט Pappendeckel געוואָרן אַ מין באַגריף פאַר ווערטלאָזע זאַכן.

דער אויסדרוק "das ist nicht von Pappe" האָט געמיינט, אויף אַ פּאָזיטיוון אופן, אַז דער ענין אָדער די זאַך האָבן עפּעס אַ ווערט, אַ שטיקל באַדייטונג. זיך אַליין אָנעסן מיט פּאַפּ(ע) אָדער האָדעווען אַ צווייטן — פאַר דער פּעולה איז געשאַפן געוואָרן דער ווערב päppeln אָבער אַזוי ווי מיט בריי אָדער פּאַפּ(ע) האָט מען געהאָדעוועט על פּי רוב קליינע קינדער, האָט דער ווערב „פּעפּעלן״ דעם ביי־באַגריף פון צערטלער אין איידל עסן (haetscheln) און בשום אופן נישט שטאָפּן. לצד babbeln איז דאָ נאָך אַ ווערב pappern. דער ווערב איז אין יידיש מער געניצט ווי דער ערשטער. די נטיה צום קאָנסאָנאַנט "L" (לָמד) לויט אויסרעד־באַקוועמלעכקייט איז אַן אויסגעהאַלטענע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך. אַזוי, למשל, אין אַ שכנותדיקן ווערב

babbeln פון שטאַמענדיק ווי אַנגעוויזן ווערט וואָס ,pappeln (די קלאַנגען p און h בייטן זיך אָפּט אַזוי ווי ביכער — פּיכער, ברילן — פּרילן) און דאָס וואָס ביי די אַרומיקע פעלקער איז געווען nappeln, babbeun מיטן באַטייט schwatzen (ווי אין ענגליש "babble" אָדער אין פראַנצויזיש "babiller") איז ביי ייִדן געוואָרן „פּלאַפּלען" — משחית־דיבור זיין, רעדן אַ סך און פון זיך, נישט צו דער זאַך. מיט דעם זעלבן באַטייט איז געפורעמט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן אין ישראל, אין דער קאָלאָקוויאַלער שפּראַך, דער אויסדרוק „בלאַ־בלאַ" פאַר אומקלאָרע פּלוידעריי.

לאָמיר צוריקקומען צו פאַפּ(ע).

מרדכי קאָסאָווער שטעלט זיך אָפּ אין זיין מאמר „ייִדישע מאכלים" מער באריכות איבער די פריע און שפּעטערדיקע מקורים פאַר דעם וואָרט „פאַפּ"(ע).

„אין די ערשטע אונדז באַקאַנטע מקורים פון אַשכנזישע מחברים איז עס פאַרצייכנט אין אַ פאַרענדערטער דימינוטיוו־פאָרעם. ביי ר' אליעזר ב"ר נתן פון מיינץ געפינען מיר עס אין דער פאָרעם **פרפל** און **פרפיל**, אַנשטאָט **פפרל** און **פפריל**,[53] און עס איז בשום אופן ניט פאַרפל. געוויינטלעך, זאָגט ער, האַלט מען אַז מען מעג פסח צוגרייטן אָט דעם מאכל פאַר קינדער, אָבער ס'איז מער רעכט עס צו אַסרן. זיין אייניקל, ר' אליעזר ב"ר יואל הלוי, שטיצט זיך אויף אַ גמרא אין ירושלמי און „אויף אונדזער גמרא" („ואגמרא דידן"), וואָס נאָך זיי מעג מען דעם מאכל פון מעל פאַר קינדער און אַלטע לייט — וואָס מען רופט **פפדל** — פאַרבריִען מיט מילך אָבער ניט מישן מיט וואַסער.[54] ר' יצחק ב"ר יוסף מקורביל (געשט' אין יאָר 1280 ; **גאַליאַ יוד'**, ז' 563) פאַרצייכנט אָט דעם קינדער־מאכל : **פפ"א**,[55] און ר' אַלכסנדרי זויסלין הכהן האָט עס ווי **פ"פא** און **פא"פא** (= פאַפּע), וואָס מען טאָר פסח ניט צוגרייטן פון

53. **ספר ראב"ן**, ז' עג/ב : „ומצה אפוייה שבישלה כמו שעושין מאכל שלקוק וגם לתינוקות מאכל פרפל אינו בא לידי חימוץ ושרי... ומיהו אינו טוב לעשות פרפיל שלא יעשו גם מקמח וטוב הוא לאסור זה".

געבאַקענעם מעל.[56] אין נאָמען פון מהר״י ווייל גיט איבער ר׳ ישראל איסרלינס תלמיד, אַז ווערדליק ווי ער האָט געהערט פון ר׳ דוד שפּרינץ המכונה ר׳ טעבלין, האָט ער אין דער שטאָט בובנברק (באַמבערג) יאָ מתיר געמאַכט צוצוגרייטן אום פּסח **פּפין** פון זעמלמעל פאַר אַ קליין קינד, וואָס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין מצה־מעל, מיטן תנאַי מען זאָל עס פאַרבריִען אין מילך.[57]

וואָס שייך פאַרבריִען **פּפ״א** פאַר קינדער אום שבת, גיט איבער דער מהרי״ל, אַז ווי ער האָט געזען פון זיינע רביים היטן זיי זיך אָפּ דערפון ווי ווייט מעגלעך. אָבער די וואָס זיינען מתיר האַלטן אַז עס קען אַ מאָל זיין אַ סכנה פאַרן קינד וואָס קאָן אָן פּאַפּע ניט אויסקומען; און אויב גיין נאָך זייער מיינונג, מעג אַ גוי אַוודאי עס צוגרייטן פאַר אַ ייִדן.[58] ר׳ ישראל איסרלין האָט

---

54. **ספר ראבי״ה**, וו, ז׳ 97: „ולפי דבריהם מותר לעשות מקמח וחלב מאכל לתינוקות שקורין פפ[ד]ל, ובלבד שלא יערב בו מים״. דאָס גלייַכן **דאַרטן**, ז׳ 103: „ואפוי שבישלו כגון לתינוק ולזקן לתקן ממנו **פפדל** או שלקוק אין בו משום חימוץ״.

אין אַ פּאַריזער כתב־יד, **איסור והיתר של פסח**, וואָס איז איבערגעשריבן פון **אבי העזרי** (**ספר ראבי״ה**), געפינען מיר די ריכטיקע פאָרעם **פפריל**: „בפסח מותר לתקן בקמח וחלב לתינוק פפריל ובלבד שלא יערב בו מים״ (זען: אביגדור אפּטוביצר, **מבוא לספר ראבי״ה**, ירושלים, תרצ״ח, ז׳ 144).

55. **ספר עמודי גולה**, קראקא [שנ״ו־1596], ז׳ יח/א: „גם במאכל שעושין לתינוק שקורין פפ״א צ״ע [צריך עיון]״. אָבער אין אַ הגהה **דאָרטן** (הלכות חמץ ומצה, סימן רכב, ז׳ קיא/א), וואָס שטאַמט פון אַנדערע הענט, הערן מיר אַז דער עולם איז זיך יאָ נוהג צו „באַקן״ אום פּסח ווייצנמעל און מאַכן פון אים פּאַפּע פאַר קינדער. אַנדערע ווידער פאַרבריִען עס אין קאָכעדיקער מילך: „נהגו העולם לאפות קמח סלת בתנור לצורך התינוקות לעשות ממנו פ״פא בלע״ז וסומכין על הא דאמרינן פרק כל שעה דאפוי אינו בא לידי חימוץ... ויש שעושין אותו פ״פא על ידי הרתחה שמערבין הסולת בשעת הרתחת החלב״.

56. **ספר האגודה**, פסחים, פרק כל שעה, סימן לו, ז׳ קסב/ב: „הילכך לא יאפה אדם קמח ויעשה אחרי כן ממנו פ״פא... אך יעשה ממנה אפייה הטיב״; **דאָרטן**, אין „לוח סימני פרטי הדינים״, ז׳ רמד [רמה]/ב: „...קמח לעשות פא״פא״.

57. **לקט יושר**, ו, ז׳ 95. אין טעקסט שטייט: „...לעשות מהם פסי״ן בפסח״, אָבער **דאָרטן**, וו, ז׳ 107, איז פאַרריכט פון כתב־יד: פפי״ן בפסח.

58. **שו״ת מהרי״ל** (קרימונה), סימן קטו: „והמתירין אומרי׳ דהוה כמו סכנת׳ לתינוק דאי אפשר לו בלא פפ״א ואם כדבריהם פשיטא דשרי להאכילו לישראלי׳״.

געהאַלטן אַז אַזאַ טרוקענער מאכל ווי קאַשע פאַר אַ קינד, וואָס מען רופט **פפאַן**, מעג מען ערב שבת אַוועקשטעלן אויפן אויוון כדי צו מאָרגנס זאָל אַ גוי עס אָנוואַרעמען.[59] אויפן זעלבן שטייגער האָט פאַרצייכנט ר׳ עזריה ב״ר שמעון „הנקרא בפי כל זוסקינד״ פון פוזנא (פויזן), וואָס איז ווייזט אויס געווען ר׳ איסרלינס אַ תלמיד: אויב אַ קינד האָט ניט וואָס צו עסן, מעג מען זאָגן דעם גוי ער זאָל אָפּקאָכן **פאפ״א** אויף שבת.[60] זייענדיק אַ קרוב ווידער וואָס האָט אים אָנגעפרעגט, צי מעג מען פאַררוקן אין אויוון אַ מילכיקע פּאַפּע צוזאַמען מיט אַ פליישיקן טשאָלנט, האָט מהר״י ווייל געענטפערט אַז לכתחילה טאָר מען עס ניט: עס קאָן נאָך אַרונטעררינען דאָס געקאָכטע פון טשאָלנטטאָפּ אונטער דער פּאַפּע, אָבער בדיעבד דאַרף מען פאַר דעם קיין מורא ניט האָבן, ווייל די טעפּ זיינען דאָך צוגעדעקט.[61]

פּאַפּע ווי אַ מאכל פאַר קינדער, בעיקר זויגקינדער, איז געבליבן במשך הונדערטער יאָרן. אַזוי דערציילט גליקל האַמיל וועגן אירס אַ זויגקינד, נאָך דעם ווי עס האָט מיט גרויס הנאה אויסגעזויגן און איינגעשלונגען „דאָס ווייכע פון איינער גנצי ווישפּיל

59. לקט יושר, ו, ז׳ 60: „מותר לישראל לעמוד בע״ש [בערב שבת] דייסא שקורין פפאן על תנור של בית החרף״. מערקן דאָ די ווירקונג פון ייִדיש: לעמוד... על תנור — שטעלן אויפן אויוון!

חוץ די שרײַבונגען פפי״ן, פפאן איז נאָך **דאָרטן** פאַראַן אויך די שרײַבונג פאפא.

60. **ספר איסור והיתר**, פראַג, תקמ״ד, שער נט, סימן כח: „וכן אם אין לתינו׳ מה יאכ[ל] יכול לומר לגוי שיבש[ל] לו פאפ״א בשבת״. די ערשטע אויסגאַבע פונעם ספר איז געדרוקט אין פעראַרע, שט״ו.

דער מהר״י ווײַל ווײַזט בכלל אָן (אין זײַנע שו״ת, סימן מו), אַז גויים מעגן קאָכן עסן פאַר אַ קינד אום שבת, וואָס איז ווי קאָכן פאַר אַ חולה וואָס איז ניט אין אַ סכנה; און בכלל איז עס געגליכן צום אָנהייצן די ווינטערשטוב אום שבת — אַ היתר וואָס איז פאַרשפּרייט אין גאַנץ אַשכנז („וסתם תינוקות חולה הוא אצל אכילה והוא כמו דשרינן להחם בית החורף בשבת דפשט היתר בכל אַשכנז״. — וועגן דעם אויסדרוק בית החורף און זײַן באַטײַט זען: ישראל היילפּרין, **לשוננו**, באַנד ט״ו [תש״ז], זז׳ 191—193).

61. שו״ת מהר״י ווייל, האנווא, ש״ע, סימן מד: „אתה שלום אהובי שאירי אייזק שי[חיה] על מה ששאלת אם מותר להטמין פפ״א של חלב עם חמין של בשר...״

[= מיספל]״: „...עש דאך צו פארין ניט וואלין זיין מיילכין עפנין אום איין טראפין מילך אודיר זונשטין איין צוקיר פעפכין וויא מען דען קינדרין מאכט צו זיך ציאין״.[62]

---

62. זכרונות מרת גליקל האמיל, פרעשבורג, 1896, ז 189. אַ. ז. רבינוביץ, דער העברעיִשער איבערזעצער פון די זכרונות גליקל, תל־אביב, תרפ״ט, זעצט איבער צוקיר פעפכין, דאָרטן, ז׳ 81, ניט ריכטיק: מי סוכר (צוקערזאַפט).

פּאַפּע אין אייגנטלעך: 1) קאַשע פאַר קינדער. אַזוי האַרקאַווי, ז׳ 448: קאַשע... pap מקפה, מזון רך (לילדים), און דערפון שפּעטער — 2) ברויט, איַן קינדער־לשון (דאָרטן, ז׳ 361); אין טאַוורוג, ליטע, בכלל ביַי קינדער: עסן, שפּיַיז, וואָס רופט אַרויס דעם פאַרגליַיך מיט לאַט׳ pappare.

עס איז פון ראָמאַנישן אָפּשטאַם: לאַט׳ pappa, papa שפּיַיז, אָדער קאַשע פאַר קינדער (דיץ, ז׳ 234). פון דעם איז שפּעטער געוואָרן, עגלעך ווי ביַי קליַיסטער (זען): פּאַפּ — קלעפּיקס, קלייַ (קלוגע, ז׳ 546; פּאָול, ז׳ 392).

הרב אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל

צו וואס ציעלט דער דגל ירושלים

(אגרות ראיה, חלק ג׳)
(ככתבו וכלשונו)

בעת ההיא יקראו לירושלם כסא יי ונקוו אליה כל הגוים לשם יי לירושלם ולא ילכו עוד אחרי שררות לבם הרע. בימים ההמה ילכו בית יהודה על בית ישראל ויבאו יחדו מארץ צפון על הארץ אשר הנחלתי את אבותיכם. ואנכי אמרתי איך אשיתך בבנים ואתן לך ארץ חמדה נחלת צבי צבאות גוים ואמר אבי תקראי לי ומאחרי לא תשובי. (ירמיה ג׳ י״ז, י״ח וי״ט)

על חומתיך ירושלם הפקדתי שומרים כל היום וכל הלילה תמיד לא יחשו המזכירים את יי אל דמי לכם. ואל תתנו דמי לו עד יכונן ועד ישים את ירושלים תהלה בארץ. (ישעיה ס״ב ו׳ ז׳)

צו וואס ציעלט דער דגל ירושלים? דער אַנטוואָרט אויף דעם איז, אז דער ציעל פון דגל ירושלים, איז א דאפעלטער, אין כמות, און אין איכות.

די ערשטע זאך שטרעבט דער דגל ירושלים, צוצובריינגען דעם גאַנצען כלל־ישראל, צו אונזער הייליגע ארבייט, איבערהויפט, דעם אמת׳ן כלל־ישראל, ד. ה. דעם פרומען און טיעפסטען הארציגסטען טהייל פון אונזער אומה, דער טהייל וועלכער לעבט און דענקט, פיהלט און גלויבט עכט אידיש, וואס אין אמת׳ן גערעדט איז ער, און נאָר ער, די הויפט גאראנטיע, פאַר איהר ריכטיגען קיום, אין איהר ריכטיגען געשטאלט אין איהר ריינעם אייגענעם אינהאלט.

אט דעם וויכטיגען אידיש גייסטיג שטארקען טהייל, פון די אומה, וויל דער דגל ירושלים, צובריינגען צו דעם גייסט ערוועקונג,

און צו די ארבייט, פון דעם בנין פון אונזער פאלק אין ארץ־ישראל, אזוי ווי עס איז אונזער האפנונג אין אלע צייטען, און איבערהויפט ווי זי פאַרמולירט זיך איצט, ביי די בענייאונגען פון אונזער איצטיגער צייט.

אמת אז צו דעם וויכטיגען צוועק, אין זיין פראקטישען זינן, דיענט זעהער טיכטיג די ציוניסטישע ארגאניזאציע, וועלכע זי האט אזוינע גרויסע פאַליטישע פערדיענסטען, און אנדערע קענען דענקען, אז עס וואלט אפשר געווען א גוטער פלאן אז אלע פרומע אידען, זאלען איינפאך אריינטרעטען אין די ציוניסטישע ארגאניזאציע, כדי צו פערווירקליכען אונזער ארבייט לטובה פון דעם בנין האומה, אויף אונזער הייליגע לאנד.

עס קען זיין, אַז פיעלע שטערונגען וועלכע עס געפינען זיך פארלויפיג, צו די פרומע אידען, אין אנדערע פון די ציוניסטישע קרייזען, וואלטען ארונטערגעהן אין גאנצען דורך די שטראמען פון די פיעלע טויזענדער פון אונדזערע פרומע ברידער אין דעם ציוניסטישען לאגער.

דאס איז אפשר מעגליך טהעאָרעטיש, אבער פראקטיש ווייסען מיר, אַז דאָס איז אונמעגליך. די פערשיעדענהייט אין די מיינונגען צווישען די פיעלע מאסען פון די פרומע וועלט, געגען פיעלע הערשענדע שטימען אין די ציוניסטישע קרייזען, האבען געבראכט, און ברייגגען לײדער פארלויפיג, אזוינע מיספערטרויאונגען, און וועלכע צום בעדויערען בעזיצען מיר נאך ניט אזא קראפט וועלכע זאל קענען וועניגסטענס לינדערען זיי, און ווער רעדט וועגען דעם, אין גאנצען זיי ארונטערצונעהמען. מיר ברויכען זיך פארבערייטען מיט אזא לעבהאפטען פרומען ארגאניזאַציאנס־קראפט, מיט גרינדליכע פרינציפען, וועלכע דאס אליין, וועט זיין אַ מיטעל, אז א גרויסער פעראייניגונגס־קראפט, זאל דאך ביי אונז אויס־וואקסען.

אבער פארלויפיג איז די זאך לײדער אזוי ווייט געקומען, (אפשר דורך דעם שולד פוןביידע צדדים, אדער אפשר אן קיינעמס שולד, נור דורך די נאטירליכקייט פון פערשיעדענהייט אין מיינונגען),

אַז ניט נור אין די ציוניסטישע אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע, איז ניט מעגליך אַריינצוברענגען מיט וואָסערע עס איז צופֿריעדנהייט דעם גרעסטען טהייל, פֿון די פֿרומע וועלט, נאָר אויך אפילו אין די אָרגאַניזאַציע פֿון דעם „מזרחי", וועלכער איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרען, צוליעב די פֿרומע וועלט, איז אויך ניטאָ קיין מעגליכקייט אַריינצוברענגען גאַנץ גרויסע מאַסען און פֿיעלע גוטע קרעפֿטען פֿון אונזערע פֿרומע אידען.

מיט וואָסערע מיינונגען מיר וועלען זיך ניט רעכענען מיט דעם פֿאַקט, מיט צופֿריעדענהייט אָדער מיט אונצופֿריעדענהייט, מוזען מיר וועגען איהם ריידען, ווען מיר ווילען ערענסט טהון אונזער אַרבייט, לטובה פֿון אונזער כלל־האומה, מוזען מיר זיך רעכענען מיט די ערשיינונגען, ווי זיי זיינען פּראַקטיש, אין דער ווירקליכקייט, ניט רעכענענדיג זיך אויב דער צושטאַנד געפֿעהלט אונז אָדער ניט. צי אונזער זאַך איז אונז גענוג, וואָס מיר ווייסען גאַנץ ריכטיג אַז אין דער ווירקליכקייט איז עס אַזוי, אַז מיר קענען אין קיין פֿאַל ניט צוברייננגען דעם גרעסטען טהייל, פֿון אונזער פֿרומע וועלט, אפילו אין פֿאָרמע פֿון פֿיעלע יחידים, און וועד רעדט אין די פֿאָרמע פֿון פֿיעלע אָרגאַניזאַציעס, צו די הייליגע אַרבייט פֿון דעם בנין פֿון אונזער פֿאָלק אין ארץ ישראל, ניט דורך דער עקזיסטירענד ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויך ניט דורך די פֿערמיטלונג פֿון דעם „מזרחי".

אויסרעכענענדיג דעם מאַנגעל, האָט זיך דער דגל ירושלים געגרינדעט, וועלכער ער רופֿט די גאַנצע פֿרומע וועלט צו איהר אייגענע אָרגאַניזאַציע, מיט איהרע אייגענע מיטלען, מיט איהרע אייגענע מיינונגען, מיט איהרע אייגענע אויטאָריטעטען, מיט איהרע אייגענע שטרעבונגען, צו דעם צוועק פֿון די גרינדונג פֿון דעם לעבען פֿון אונזער הייליגע אומה אין ארץ ישראל, נאָך די ריכטיגע ווינשונגען פֿון די אמת'ע בעקלעהרטע און אויפֿריכטיגע פֿרומע וועלט.

דאָס איז דער ציעל אין דעם אָנהאַנג פֿון זיין כמות, ד. ה. דער קוואַנטיטעט, אין דעם אנהאַנג פֿון די צאָהל פֿון פֿרומע אידען, און

איבערהויפט פון זייערע גוטע און שטארקע קרעפטען, וועלכע מיר קענען צוברייינגען צו די הייליגע ארבייט פון דעם בנין האומה אין ארץ ישראל, דורך דעם זעלבסטשטענדיגען ארגאן פון דעם דגל ירושלים, מעהר ווי דורך אנדערע ארגאניזאציעס וועלכע עקזיסטירען שוין ביי אונז פון פריהער.

נאר נאך העכער און נאך וויכטיגער ווי דער ציעל, פון דעם דגל ירושלים מצד זיין כמות, איז זיין ציעל מצד זיין איכות, ד. ה. מצד די קוואליטעט, מצד דעם אויפלעבונגס ציעל פון דעם ריכטיגען אידישען פרומען געטליכען געדאנק, אז ער זאל אין לעבען גערופען ווערען אלס א גייסטיגער קראפט, א נשמה צו די גאנצע בעוועגונג פון אונזער תחיית־האומה בכלל, און איבערהויפט פון איהר בנין אין ארץ ישראל, וואס זיי מארשירען פאר אונז אין אונזער וואונדערליכער געגענווארט פון דער איצטיגער צייט.

צוליעב דעם כבוד פון אונזער ריכטיגער פאלקס נשמה, וועלכער עס איז דער כבוד פון שם ד׳ אלהי ישראל, די גאנצע בעגייס־טערונגס־קוועלע פון אונזער פאלקס לעבען, זיינען מיר גערופען אונזער אייביג הייליגען געטליכען ווארט צו זאגען עפענטליך, פאר די גאנצע אידישע אינערליכע וועלט און פאר די אויסערליכע וועלט פון אלע פעלקער, דעם גרויסען אייביג אמת׳ען ווארט וואס ער דריקט אויס קלאהר דעם הייליגען געדאנק און בעטראכט מיט זיין גאנצע העלדישע הימעל שטארקייט, מיט זיין גאנצען אנהאנג צו אונזער צוריקקעהר אין אונזער אלטע הייליגע היים.

די טיעף געזאגטע מענשען, פון די גאנצע דענקבארע און פיהלבארע וועלט, וועלכע פערשטעהט זיך אויפצוהויבען איבער די קלייגליכע אויבערפלעכליכע געדאנקען, וואס זיי שוועבען ארום אויף דעם ליטעראַרישען, און אין אנדערע קרייזען פון דעם געזעלשאפטליכען מארק, פון די צייטליכע אייראפעאישע וועלט, די וואס זיינען געריכטעט צו קוקען מיט קלאהרע פערספעקטיווען אין דעם שטראמענדען צוקונפט, פערשטעהען גאנץ גוט ווי אנצורופען דעם ווערטה פון אונזער איצטיגע בעוועגונג צו ארץ ישראל, מיט אלע פאסירונגען וועלכע געהערען דערצו.

די גרויסע נשמות, אפילו פון די אלגעמיינע מענשהייט, און בפרט אונזערע אידישע גרויסע נשמות, זיי ווערען פול מיט הייליגע ליכטיגקייט, מיט אפענע אויגען זעהען זיי ווי דער דבר ד׳ וועגען אונזער גאולה הויבט אן פערווירקליכט צו ווערען, און וואו מיר ווערן גערופען צו שטעהן אויף די געהויבענע פאזיציע וועלכע זי פאסט פאר אונז.

צו א רענעסאנס פון אונזער גאנצען מהות זיינען מיר גערופען, מיר געהען צו א נייעם אויפלעבען, ניט נאר אין אויסערליכע שפליטערען פון אונזער מאטעריעלען לעבען, נייז, נאר מיט אונזער גאנצער גאנצקייט פון דעם גאנצען גוף און די גאנצע נשמה פון אונזער פאלק. מיר פיהלען, און די גרויסע מענשען־וועלט מיט איהר איידעלסטע קרעפטען פיהלט דאס אויך, אז אונזער ספעציעלער אויפלעבען שטראמט פון אונזער גאנצען הייליגען קוואל, ממקור ישראל, מיט די גאנצע טיעפקייט פון אונזער לעבען.

אז אין די טיעפקייט פון אלעס וואס בעוועגט זיך, וועגען אונזער תחיית־האומה, שטראמט דער געטליכער פלוס, וועלכער פיהלט אן די הארץ פון אונזער פאלק, מיט שטארקע אויפלעבונגס־געפיהלען, וואס דער בעוואוסטזיין דערפון אליין, איז איינער פון די גרעסטע קרעפטען אין דעם פראצעס, דאס איז א זאך וועלכעס פאנגט איצט אן זעהער בולט צו ערשיינען, פאר יעדען בעזאנענעם מענשען.

ווער אבער קען דאס דעם גרויסען ווארט ריין אויסשפרעכען, ווער קען דאס פארמולירען, דעם געשטאלט פון אונזער נייען לעבען אין אונזער הייליגע לאנד און די גאנצע בינדליכקייט פון אונזער אומה, איבעראל אין גאנצען אז עס זאל פאסען צו דעם הויכען ציעל פון אונזער הויפט אידעע, ווער קען מאכען די וועגען וועלכע זיי פיהרען דערצו אויף דעם ריכטיגען הייליגען געטליכען אידישען יסוד און פארעם, — ניט קיינע אנדערע נור אונזער פרומע אידישע וועלט, ווען זי ווערט ארגאנזירט פריי און זעלבסט־שטענדיג מיט איהר גאנצע פרייהייט מיט איהר גאנצען לעבענס קראפט.

דער אידישער הייליגער שטרעבונגס־ווארט קען ניט אויס־געשפּראכען ווערען, נאר דורך די גאנצע אייגענארטיגע ארגאניזאציע פון די אידישע פרומע וועלט, וועלכע זי וועט זיך דערקענען ניט פאר א נאכגעצויגענעם טהייל פון אן אנדער קראפט, נאר פאר דעם ריכטיגען כח־החיים פון אונזער אומה, וואס הויכט אריין די ריכטיגע נשמה אין דעם גאנצען אינהאלט פון די אלע וועלטליכע פאלקס־בעוועגונגען, וועלכע ערוועקען זיך איצט ביי אונז, כדי ארויפצוברייינגען אונזער תנועה פון תחיית־האומה צו דעם ריכטיגען הייליגען נאטירליכען אידישער לעבענס פונקט.

די פרומע וועלט וואס זי איז געשטאנען פון וויטען און האט ניט אנערקענט די ציוניסטישע בעוועגונג, איז דאס נאר ווייל זי זוכט דעם עפענטליכען אידישען הייליגען גייסט אין די תחיית האומה, ווייל זי פרייזט די בעוועגונג מיט דעם הייליגסטען פּרייז, און ווייל זי ווינשט אז אלע אנהענגער פון די בעוועגונג זאלען קומען צו די ארגינעלע אידישע אנערקענונג, אז ניט נור מיט דעם אייראָ־פעאישען אלגעמיינעם גייסט אליין, און ניט נור מיט אלגעמיינע קולטור פארמען אליין, אפילו ווען זיי וועלען אויסגעדריקט ווערען מיט אונזער ליעבע העברעאישע שפּראַך, וואס איהר אויפלעבונג איז אונז אין גרונד אזוי הייליג און ליעב, אין אויך ניט נור מיט טרוקענע מאטעריעלע געליהענע סאציאלע שטרעבונגען, וועלכע עס מעגען זיך געפינען אין זיי זעהר גוטע און ערהענהאַפטע יסודות, אבער כל־זמן עס וועט ניט אריינפליסען אין זיי דער רוח־החיים פון דעם אידישען ארגינעלען אינהאלט, איז דורך זיי אונמעגליך צו ערייכען דעם ציעל, צו קומען צו אונזער נייען לעבען, אלס גאנצע פאלק, אויף אונזער לאנד.

נאר ווען מיר וועלען דעם גרונדשטיין לייגען, אונזער אייגענע ספּעציעלע אידישע טהאטען־וועלט, לעבענס אנשויאונגען און געפיהלען, וועלכע אלעס שטראמט ביי אונז פון דעם הייליגען געטליכען ווארט, פון די הויכשעצונג פון אונזער הייליגען געטליכען פערמעגען, די בינדליכקייט פון אונזער פאלק צו די הייליגע געטליכע ספרים, צו די קוועלע פון די ערלייזונג פון ישראל, און

צו די טרייהייט צו זיין תורה וועלכע זי איז אונזער לעבענס קוואל, דאן, נור דאן, קענען מיר זאגען זיכער, פאר די גאנצע וועלט אז מיר געהען צו זיך זעלבסט, אז מיר ציהען זיך צו אונזער ריכטיגען אייגענעם אויפלעבונגס אינהאַלט, און מיר זיינען געזיכערט, אז דער אלטער שעהנער וואונדער קראפט, פון דעם גור אריה יהודה, וועט אין אונז מיט זיין גאנצען גלאנץ און עכטהייט אויפשיינען.

אבער ווער זאל דאס ענדעקען, דעם אמת'ן אינהאלט פון אונזער נייער אויפלעבונג? ווער זאל איהר ערקלעהרען פאר הייליג און געטליך אויב ניט אונזער פרומע אידישע וועלט? מיט איהר גאנצקייט מיט איהרע גרויסע מאסען, מיט איהרע הייליגע געטליכע וואונדער קרעפטען, וואס דאס קען נור מעגליך זיין, ווען זי איז ארגאניזירט, און די ארגאניזאציע, דאס איז די שטרעבונג פון דעם דגל ירושלים.

ווען די אמת פרומע אידישע וועלט, קריטיקירט די ציוניסטישע בעוועגונג, איז דאס ניט קיין נעגאטיווע קריטיק ד. ה. אז זי דענקט ניט דאס די בעוועגונג איבעראל האט ניט קיין ווערטה, אז עס איז אין איהר דא עפּעס אבסאלוטעס שלעכטעס, אדער שעדליכעס, ניין, זי קריטיקירט איהר נור אַ פּאזיטיווע קריטיק ד. ה. זי זאגט אז זי מוז העכער, זעהער פיעל העכער שטייגען, דען עס איז אין איהר נאך צו ווייניג אמת'ער אידישער לעבען ענדעקט, עס איז נאך צו ווייניג פערעפּענטליכט געווארען אין איהר דער הייליגער קראפט, וואס ער דארף זיך אין איהר ענדעקען, פערהעלטניסמעסיג מיט די גרויסע מאס, וועלכע עס איז נויטיג פאר אזא גרויסע וויכטיגע אונטערנעהמונג, וואס דארף פארשטעלען דעם ריכטיגען אינהאלט, פון די גאנצע אומה מיט איהרע אלע דורות-פערבינדונגען, און מיט איהר ריעזען-וועלטליכען און איבערוועלטליכען צוקונפט.

און דער אינהאלט, אין זיין ריכטיגען ארט, געפינט זיך ניט, אין די וואכעדיגע קולטורעלע וועלט, ווען נאר זי אליין זאל זיין טהעטיג אין די ארבייט פון אונזער בנין האומה, עס איז אויף דערויף

ניט געֶנוג דיפּלאָמאַטישע טהעטיגקייט אַליין, און אויך ניט די געוועהנליכע מאָדערנע ליטעראַרישע, פּאָעטישע און נאָך אַנדערע אַלגעמיינע מענשליכע גראַטענקייט, און זאָגאַר אַפילו געניאַליטעט אַליין. דאָס אַלעס איז גאַנץ גוטע און ערפרעהענדע ביימיטלען, ווען זיי ווערען גוט בענוצט, שטעהען זיי צו דיענען די ריכטיגע בעוועגונג פון די אידישע נשמה מיט איהר פולע גרויסקייט, וועלכע זי דריקט זיך אויס נור מיט איהר אייביגען הייליגען קראַפט, וואָס עס שטראַמט ביי איהר, אין איהר אייגענעם גייסט, און דאָס וואָס עס האָט איהר געמאַכט, און מאַכט און וועט נאָך איהר מאַכען פאַר אַן אומה וואָס זי שטעהט פאַר אַן „אור גוים", פאַר אַ הייל און הילפע פאַר די גאַנצע וועלט, וואָס צוליעב איהר אייגענע ציעלען, און צוליעב די אַלוועלטליכע ציעלען, וועלכע זיי זיינען איינע מיט די אַנדערע געבונדען, מוז זי ווערען געבויט און בעקרעפטיגט אין אַלע הינזיכטען מיט אַלעווירטשאַפטליכע קולטורעלע און פּאָליטישע בעציהונגען, אויף איהר אייגענע הייליגע לאַנד.

עס איז זעלבסט פערשטענדליך, אַז די געדאַנקען מוזען זיך אויסשפּרעכען אין טהאַטען וואָס וואַקסען פון דעם ריכטיגען אידישען געדאַנק וואָס וועלען פאָרמולירען דעם פאָרם פון די צוקונפטיגע אידישע שטאַטליכקייט אין ארץ ישראל, און דעם פאָרם פון אונזערע אַלע שאַפונגען, וועלכע אונזער הייליגער גליקליכער צוקונפט וועט אונז ברייגען אויף דעם יסוד פון די צוקונפטיגע ערשיינונגען, וועלכע זיי דאַרפען זיך שטופּענוויז אַנהויבען שוין אין די נאָהענטסטע צייט צו בעווייזען, און אויף זיי בעטראַכטענדיג וועט געבויט ווערען דער אויספיהרליכער פּראָגראַם פון דגל ירושלים.

דער אידעאַל פון דגל ירושלים מוז גורם זיין דערהויבען דעם ווערטה פון די ציוניסטישע בעוועגונג און דעם ווערטה פון די תחיית־האומה איבעראַל, אויך מיט אַלע איהרע וועלטליכע ציעלען. ער וועט אַריינברייגען אַ הייליגע ערפרישונג אין די אַלע אָרגאַנען וואָס אַרבייטען טעכניש וועגען אונזער אויפבויאונג אין אונזער

הייליגע לאנד, ער וועט ארויפציהען א הייליגען רעספּעקט אויף אלע אונזערע פאלקסטהאטען.

דער לעבענס־טהוי פון דעם געטליכען וואָרט, וועלכער וועט פליסען דורך די פרומע אידישע בעוועגונג אין איהר הייליגען זינן, וועט אריינברייינגען הייליגע פּאעזיע און געטליכע בעגייסטערונג אין די אלע שיכטען פון די בעוועגונג, אויך וועט ער אריינברייינגען א פרידענס־געפיהל אנשטאט דעם טונקעלען גייסט פון די פּעסעמיס־טישע פערגיפטיגונג, וואס די וואכעדיגקייט פון יעדער בעוועגונג שטעהט אין געפאהר פון איהר אנגעגריפען צו ווערען. דען נור וואו די געטליכע ליכטיגקייט שיינט אריין אין לעבענס בעוועגונגען, דארטען ערשיינט דער הייטערער דער אמת׳ער ריכטיגער הייטער און צופרידענער לעבענס גייסט. און דאס איז פאר אונז דער נויטיגסטער פּראדוקט אין אונזער נייען אויפטרעטען איבער דאס ניי אויף אונזער ריכטיגען פאלקס לעבען, אין אונזער ריכטיגע היים, מיר מוזען צו דעם קוואל פון פריידען צוטרעטען. „ישמח ישראל בעושיו, בני ציון יגילו במלכם״.

די ארבייט פון דגל ירושלים, ווערט פערטהיילט אויף די דריי גראנדיעזע אבטהיילונגען, פּאליטישע, ווירטשאפטליכע און קול־טורעלע. זעלבסט פערשטענדליך, אז יעדע אבטהיילונג גרופּירט אין זיך די פיעלע צווייגען, וועלכע זיי שטעהען אין אַ שטענדיגען וואקסענדען צושטאנד, נאך דעם ארט פון אונזער פּראגרעסירונג אין אונזער צוקונפטדיגען לעבעדיג ארגאניזירטען כלל־ישראל וואס ער שטראמט און ציהט זיך מיט זיין גייסטיגען און מיט זיין מאטעריעלען גאנצען מהות פון אלע גלות׳ן צו זיין הייליגען לעבענס־פונקט, „מי אלה כעב תעופנה, וכיונים אל ארובותיהם״.

אַ בריוו פון הרב א. י. הכהן קוק זצ"ל אין יידיש

ליעבסטע און טייערסטע מוטער לעבוואהל. איך וויעדערהאל די גליקווינשונגען און דעם גראטוליערען, וואס איך האב אין לשון־הקודש אויסגעשפראכען, צו אייך ליעבע עלטערען לעבען, צו דעם פארבייגעגאַנגענען פינפאונזיעבציגיעריגען יוביליאום־טאג, אין דעם פאריגען מאנאט. געבע השם יתברך עס זאלען ערפיעלט ווערען אלע ברכות, וואס עס זיינען אויסגעשפראכען פון נאהענט און פון ווייטען, צו אייך ליעבענסווירדיגע און האכגעשעצטע עלטערען. זאל אונז דער אלמעכטיגער מיט זיין חסד מזכה זיין און דעם צוקונפט נאך פיעלע פרידען צו האבען פון אייך, און איהר פון אונז אלעמען און פון כלל־ישראל, מיט אלעס גוטעס. פיעלע גוטע גליקליכע יאהרען, מיט געזונדהייט, מיט נחת און כבוד, און בעסטע צופרידענהייט זאל השם יתברך אייך שיינקען. נאך דעם גרוס און וואונש אייער גליקווינשענדער אייער זאהן, חותם בברכה ויראת הכבוד.

פונעם רבניש־חסידישן קוואַל

— א —

„אם יתן ה׳ תמלא הארץ דעה וידבר כולם שפה אחת לשון אשכנז לא יכתבו כי אם בריסק" — אויב גאָט וועט געבן און אַלע וועלען רעדן איין שפּראַך, לשון אַשכנז, וועט מען שרייבען (אין אַ גט) נאָר בריסק, ניט ברעסט־ליטאָווסק (סלאָוויש).

(אַ תשובה פונעם גאון ר׳ מאיר כץ, אַמשטרדם תמ"ז—687, דף כא, עמוד ב).

מיט לשון אַשכנז מיינט ער יידיש, ווייל בריסק איז דער יידישער נאָמען.

— ב —

...אויך רבי שמעון בן יוחאי האָט זיין זוהר געשאַפן אין אַראַמייאיש לשון ווייל דאָס פאָלק האָבן אַלע גערעדט יענעם לשון, און משה רבנו עליו השלום אַליין וואָס האָט די הייליקע תורה גענומען פון גאָטס ברוך הוא מויל, האָט זיך איבערזעצט אויף זיבעציק לשונות, דעריבער טאָר מען ניט פאַרמיידן די איבערזעצונג פון זוהר אין לשון אַשכנז (הסכמה פון הגאון המקובל ר׳ נפתלי כץ פון פּוזנאַן און פראַנקפורט דמיין אויפן „זוהר טייטש").

— ג —

ער זאָל זיך געוויינען אַוועקגיין אין אַ מקום מיוחד, אַ באַזונדער אָרט און אויסגיסן זיין האַרץ פאַרן אויבערשטן געבענטשט איז זיין נאָמען, ווי אַ מענטש רעדט צו זיין פריינד, און מערן די טענות און די בקשות אין לשון אויף וועלכן מען רעדט, דהיינו אין אונדזער מדינה אין לשון אַשכנז.

(רבי נחמן בראַסלאַווער, הקדמה צום סיפור בעל תפילה, לעמבריג תרס"ב, דף יב, ע"א).

— ד —

מען טאָר נישט פּורץ גדר זיין (ברעכן דעם צוים) פונעם ייִדישן לשון און פון דער ייִדישער הלבשה. מען טאָר נישט משנה זיין. אַ דרשה ווו ייִדיש ווערט געביטן אויפן קלענסטן אופן, איז מטמא די אויערן.

(רבי הלל ליכטנשטיין, קאָלאָמייער גאון, קעמפער קעגן דער ייִדישער רעפאָרם אין אונגאַרן, עת לעשות, לעמבעריג תרל״ב).

— ה —

די סיפורי מעשיות פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וואָס זיין תלמיד ר׳ נתן האָט זיי פאַרשריבן פונעם רבינס מויל און האָט זיי אַרויס־געגעבן אין יאָר תקע״ה (1815), פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט אין דער ליטעראַטור. ר׳ נתן האָט געוואָלט וואָס פּינקטלעכער איבערגעבן ר׳ נחמנס ווערטער, אַזוי אַז דאָס לשון זאָל זיין דאָס רייד־לשון.

(ד״ר שלמה בירנבוים, ייִדישקייט און לשון, וואַרשע תר״ץ עמ׳ לא).

— ו —

איך וויל דיר אַנטפּלעקן אַ סוד: איך האָב געפונען אין דעם דאָזיקן גוסדיקן קערפּער אַ סימן פון לעבן, דאָס איז די עקשנות פון דעם דאָזיקן קערפּער אויף זיין ייִדישער שפּראַך און זיין קאַמף פאַר איר קיום נאָך דער רעוואָלוציע, ווייל סוף סוף שיידט די דאָזיקע שפּראַך אָפּ ייִדן פון אַלע אַנדערע פעלקער. און כאָטש זיי האָבן שוין פאַרגעסן אַפילו די מצווה פון מילה, דאַרף מען געדענקען אַז דער „ברית הלשון" איז מכוון קעגן דעם ברית מילה. יוסף אין מצרים האָט זיך דערקענט צו זיינע ברידער, ווען ער האָט זיי באַוויזן דעם פאַרחתמטן ברית אין זיין לייב, און זיין מויל וואָס האָט גערעדט ייִדיש לשון (לשון הקודש). אַזוי אויך די דאָזיקע מרשיעי ברית, וואָס רעדן אין פאַרשפּאָטן ייִדיש, זיינען נאָך נישט אינגאַנצן אַרויס פונעם גרענעץ פון יהדות.

(דער באָברויסקער רב, ר׳ שמואל אַלעקסאַנדראָוו, אין אַ בריוו צו זיין פריינאַ ר׳ יוסף גוטמאַן, רב פון פּאָוולאָגראַד, מזרח־אוקראַינע, אין יאָר 1937. געדרוקט אין „מכתבי מחקר וביקורת״, חלק ג, ירושלים תש״ב).

— ז —

די תפילה איז מער אָנגענומען ביי גאָט אַז ער בעט מיט דעם לשון וואָס ער פאַרשטייט מער ווי פון לשון־קודש און פאַרשטייט נישט.

(קיצור פון ספר חסידים, איבערגעזעצט אין ייִדיש, פון ר׳ יהושע אלתר ווילדמאַן, געוועזענער רב אין קאָנסקעוואָליע, פוילן, כעת אין ירושלים, מיט הסכמות פון די גאונים ר׳ אברהם יצחק הכהן קוק און ר׳ חיים זאָנענפעלד, ירושלים תר״ע, בית האָרענשטיין).

ביבליאָגראַפיע פון א. אביבי:

רעליגיעזע יידישע ליטעראַטור אויף יידיש

א. איבערזעצונגען פון תנ״ך

תהלים, איבערגעזעצט פון אליהו בחור (ווענעדיג ש״ה).
חיים בן נתן, „טייטש עשרים וארבע״ (הענוי, שפ״ה).
ר׳ יצחק בן שמעון, טייטש חומש, (קראָקע של״ו).
ר׳ שמעון עקיבא בער בן יוסף, אביר יעקב, ליקוטים פון מדרש און זוהר (זולצבאַך ת״ס).
ר׳ הירש בן ירחמיאל איטשע, „טייטס זוהר״ (אַמסטערדאַם תפ״ה).

ב. תנ״ך־פּאָעמעס

שמואל בוך, אַן עפּאָס וועגן דוד המלך (אויגסבורג ש״ד).
דניאל בוך און שופטים בוך (באַזעל שכ״ד).
תרגום שני, ליד (אַמסטערדאַם ת״א).
שבת, לידער פון ר׳ עקיבא בן יעקב פראַנקפורט (באַזעל ש״ן).
אַ זמר לכבוד שבת פון ר׳ מנחם מענדל קראָכמאַל, הויפּט־רב פון מעהרין (אַמסטערדאַם תל״ד).
יוסף זעליגמאַן בן איציק טאַנהויזן, „איין נייא קלאָג ליד פון גירוש טאַנהויזן״ (פּראָג תמ״ח).

ג. מוסר־ספרים

אורחות חיים פון רא״ש, איבערגעזעצט אויף יידיש־טייטש פון ר׳ יום־טוב ליפּמאַן העלער, (פּראָג שפ״ו).
צוכט שפּיגל פון זעליגמאַן אולם, מאמרים פון גמרא און מדרש, איבערגעגאָסן אין יידישע גראַמען (פּראָג ש״פ).
ר׳ יחיאל מיכל בן אברהם סג״ל עפּשטיין, קיצור של״ה פאַר־יידישט.
מנורת המאור, פאַרטייטשונג פון משה בן שמעון פראַנקפורט (אַמסטערדאַם תס״א).

קב הישר פון ר׳ צבי הירש קיידינאָווער (פראַנקפורט תס״א).
פוקח עורים, אַ חסידיש מוסר־ספר פונעם מיטעלן ליובאַוויטשער רבין ר׳ דובער שניאָורסאָן (ווילנע תקי״ט).
ספר המידות פון ר׳ יעקב בן וואָלף קראַנץ, דובנער מגיד, (לובלין תרכ״א).
ר׳ ישראל מאיר הכהן, חפץ חיים „גור עולם״ און „נדחי ישראל״ (וואַרשע תרנ״ד—תרנ״ז).

ד. געשיכטע, ביאָגראַפיע און משלים

אליהו בחור, בבא בוך (פּראַג ת״ר).
יוסיפון, פאַרטייטשט פון מכל אַדאַם (ציריך ש״ו).
שבט יהודה פון שלמה אבן ווירגא, פאַרטייטשט (קראָקע שנ״א).
צמח דוד פון דוד גאַנז, פאַרטייטשט פון זלמן הענע (פראַנק־פורט תמ״ט).
אביגדור בן משה אייזנשטאַט „די ווינער גזירה״ (קראָקע שס״ט).
נתן נטע האַנאָווער, יון ומצולה, אַ געשיכטע פון כמעלניצקיס גזירות פאַרטייטשט פון משה בן אברהם (אַמסטערדאַם תל״ז).
געשיכטעניש פון ר׳ מאיר, אַ היסטאָרישע אַלעגאָריע פון מחבר פון אַקדמות, ר׳ מאיר ש״ץ (פירט תנ״ד).
זכרונות פון גליקל האַמל פון האַמבורג (ווין תקס״ב).

ה. תפילות

יוסף־בן יקר, קרבן־מנחם סידור (אייכנהויזן ש״ד).
די תחינה שלושה שערים פון שרה בת טובים פון סאַטאַנאָוו (פויזן תק״א).
מחזור פילא (קראָקע של״א).
שפה ברורה פון ר׳ נתן־נטע האַנאָווער, אַ לשון־קודש ייִדיש־לאַטייניש ווערטערבוך (פּראַג ת״ר).
די אַרומרינגלונג פון ר׳ פתחיה החסיד פון רעגענסבורג, נסיעה פון ר׳ פתחיה קיין ארץ־ישראל (אַמסטערדאַם ת״ט).
ספר רפואת עזר ישראל, פון ד״ר משה מאַרקוזע (פּאָריצק תק״ן).

אינהאַלט

במקום אַ הקדמה פון יצחק קאָרן 3

א. חשיבות פון יידיש פאַרן קיום פון יידן און יידישקייט

הרב יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק — וועגן יידיש 7

רבי מנחם מענדל שניאורסאָן — אַן אויסצוג פון אַ שיחה . . . 8

הרב יצחק ידידיה פרענקעל — לשון־קודש און דאָס לשון פון די קדושים 9

פראָפ׳ אפרים א. אורבאַך — די חשיבות פון יידיש לשון . . . 14

פראָפ׳ מנחם עמנואל ראַקמאַן — יידיש לשון אין דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט 22

שלמה זלמן שרגאי — יידיש איז יידיש 25

הרב אברהם ביק — נצח פון יהדות און קיום פון יידיש . . . 30

ב. פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

הרב אליעזר סילווער ז״ל — יידיש — אַ מויער 41

פראָפ׳ אברהם יהושע העשל ז״ל — אַ מחיה צו רעדן יידיש . 43

ש״י עגנון ז״ל — „האָב געשריבן בלשון יידיש״ 44

ג. פון אוצר יידיש

ש. ז. שזר ז״ל — ר׳ משה עשרים וארבע 51

ש״י עגנון ז״ל — פון זיינע יידישע דערציילונגען. „משה חקרן״ 55

חיים ליבערמאַן ז״ל — ר׳ יחיאל מיכל עפשטיין 61

הרב א. שאולי — פאַרברענטע צווייגן פון אָרטאָדאָקסישער פּאָעזיע 83

גרשום באַדער ז״ל יידיש אין די תפילות 89

ד״ר י. בר־אל — אַ פּאָר הערות צו אַן אַלט יידיש וואָרט אין שו״ת גדולי אשכנז 92

הרב אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל — צו וואָס ציעלט דער דגל ירושלים 97

הרב אברהם יצחק הכהן קוק זצ״ל — אַ בריוו צו די עלטערן . 106

פונעם רבניש־חסידישן קוואַל 107

ביבליאָגראַפיע פון א. אביבי 110